STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04570

SHULAMIT, ODER, BAS-YERUSHOLAYIM

Abraham Goldfaden

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרייז:
מיט דיא נאָטען 4 שילינג.

שולמית

אדער

בת - ירושלים

איינע מוזיקאַלישע מעלאָדראַממאַ אין פערזען און אין
4 אַקטען און 15 בילדער.

פערפאַססט פאָן

אברהם גאלדפאדען.

(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען
צוא דער פיעסע זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פערפאַססער.)

דרוק און פערלאג פון
ר. מאזין ענד קאמפ.,
פערלאַגסבוכהאַנדלונג, בוכדרוקעריא און בוכבינדעריא,
59, אלד מאַנטאַגיו סטריט,
וויטשעפעל, לאנדאן.

PRINTED & PUBLISHED BY
R. MAZIN & CO.,
Booksellers, Publishers & Printers.
59, OLD MONTAGUE ST., London, N.E.

פראלאג.

1 אקט 1 בילד

דיא עלה רגל קיין ירושלים.

1 אקט 2 בילד

דיא פערבלאנזעטע אין דער מדבר.

1 אקט 3 בילד

דיא ווילדע קאטץ און דער ברונען— אדער—דיא שטומע עדות.

2 אקט 4 בילד

דער לוסטיגער אונטערהאלט אין דיא ווייגגערטענער פון ירושלים.

2 אקט 5 בילד

די פירלאָבונג הינטיר די פאלמינבוימער

3 אקט 6 בילד

שולמית׳ס פערצווייפלונג—אדער דער שטורם אין דער וויסטע.

3 אקט 7 בילד

דער גורל.

3 אקט 8 בילד

זיא איז פונ׳ם זינען געריררט.

3 אקט 9 בילד

דערטרונקען געוואָרען.

3 אקט 10 בילד

אצבע אלהים.

3 אקט 11 בילד

דיא פאסטוכער פון בית־לחם.

4 אקט 12 בילד

דאָס נאַטורליכערווידערקול.

4 אקט 13 בילד

דיא מאגנעטעשע טאנע.

4 אקט 14 בילד

א קול פון בית-המקדש.

4 אקט 15 בילד

דיא פייערליכע פראָצעסיאָן אין בית המקדש.

דיא געשיכטע קומט פאר א מאל אין בית-לחם. א מאל אין ירושלים.

פערזאנען.

מנוח. איין אלטער בירגער פון בית-לחם

שולמית. זיין טאָכטער

אבשלום. א יונגער העלד פון דעם שטאם מכבייער

ציגניטאנג אבשלום׳ס דינער (א ווילדער)

חנניה. אבשלום׳ס פריינד

אביגיל. א כהן׳ס טאָכטער

צפורה. איהר נאם

יואב גדעוני. א יונגער העלד ⎫ שולמית׳ס פריינד.

אבינדב. א רייכער יונגער גוטס-בעזיטצער ⎭

נתן. סגן הכהן

עובדיה. ⎫

עזריאל. ⎬ פאסטוכער פון בית-לחם

אליעזר. ⎭

עולי-רגל, בחורים, בתולות, טענצער, חתנים, נשים המקוננות, פאסטוכער, כהנים, לוים, פאהנען-טרעגער, פאקעל-טרעגער—פאָלק.

הערמיט מאך איך באקאנט אללעמען און אויפמערקזאם, אז איך האב געזעטצליך פערקויפט אין אייגענטהום פון

ר. מאזין עט קא., בוכהענדלער און פערלעגער אין לאנדאָן,

אללע רעכטע, ד״ה דיא קאפורייט פון דיא טעקסטע אונד מוזיק פון אללע, אהנע אויסנאהמע, פון מיר פערפאסטע אפעראָ׳ס, טהעאטער שטיק, ליעדער און מוזיק נאָטען וויא: שולמית, בר כוכבא, דיא צויבערין, אחשורש, עקדת יצחק, משיח׳ס צייטען, לא תחמוד, דאס לאנד כנען, דר. אלמאסאדא, דיאביידע קונעלעמעל, שמענדריק, קאבצענזאהן און הונגערמאַן, דיא באבע מיט דעם אייניקעל, מליץ יושר, דאס יודעלע, שטעה אויף מיין פאלק, פעריאמערט פערקלאגט און אללע אַנדערע פון מיר פערפאַסטע ווערקע. קיינער אין דער גאַנצער וועלט אויסער ר. מאַזין עט קאָמפ., האָט דאס רעכט נאך צוא מאַכען, דרוקען, אָדער אויפפיהרען דיא אויבענגענאַנטע און אַללע אַנדערע מיינע ווערקע, אָהנע דיא ערלויבנים פון ר. מאַזין עט קא,

דער פערקויף קאָנטראַקט איז רעדזיסטרירט נאָך דיא געזעטצען פון אללע לענדער.

יעדער איינער, גלייכפיעל אין וועלכען טהייל דער וועלט וואָס וועט איבערטרעטען דיא געזעטצען, וואס געהערען דער צו, וועט געריכטליך מיט אללע שטרענגע דעם געזעטץ, פערפאָלגט און בעשטראָפט ווערען.

לאָנדאָן, 31-אָקטאבער 1902.

אברהם גאלדפאדען.

ערשטער אקט

ערשטע סצענע.

בילד 1 שטעלט פֿאר א וויסטע: א סך גרויסע און קליינע בערג, רעכטס און לינקס זעהט מען וועגען. אסך יודען אלטע און יונגע שטעהען מיט פעקלעך אויף דיא פלייצעס און שטעקענס אין דיא הענד צווישען זיי שטעהט דער אלטער **מנוח** מיט זיין טאכטער **שולמית.** דיא אללע יודען וואָס געהען פֿון בית לחם עולה רגל זיין קיין ירשלים זינגען:

אַנגעלאָדען מיט אַלל דעם גוט,
מיט דיא שטעקענס אין דער האַנד,
שפּאַנגען מיר אין דער מינוט
צו אונזער הייליג לאַנד!—
דער מראַנט פּראָדוקטען, און דער רינד,
מקריב צו זיין פֿאַר זיינע זינד,
אויך דער מיטלער גראַד,
מראַנט גאָלד, זילבער, און זייד,
א מתנה ברענגט יעדער זיין סחורה,
מיט פֿרייד אין האַרצען פֿולל,
מיט ליעבע, מיט טריע, מיט מורא,
זיך צו בוקען פֿאַר גאָטט׳ס שטול!—
אָה! וויא ביסטו, אָה! וויא ביסטו, דוא הייליג ציון!
מיר ווינשען זיך, מיר בעגנגען אַלע דיך צו זעהען שוין,
באַלד וועלען מיר הערען ליעדער
אין בית אלהים,
פֿון אונזערע הייליגע ברידער,
כהנים און לוים!—
קומט-זשט גיכער אין איינעם זיך בענשען,
אהין, אהין, יאָ קיין ירושלים!
פֿרייליך, פֿרייליך, איהר ערליבע מענשען!
זינגט אַ שיר גאָר אַ נייעם!

יאָ קינדער גיבער; גיבער קינדער גיבער!
גיבער קינדער, גיבער אין וועג אַראַן!—

(אללע ווינשען זיך צו ארויפגעהענדיג אויף דיא בערג און זינגען:)

יברכך ד׳ וישמרך
ד׳ יצליח דרכיך
יביאך לציון בית עירך שלום!

(אַללע פערליערין זיך לינקס, נאָר מנוח בלייבט נאָך אביסעל שטעהן
און ווענדעט זיך צו זיין טאָכטער)

מנוח גענוג טאכטער, גענוג מיך באַלייט!—
קעהר זיך אום אַהיים, עס ווערט שוין שפעט.

שולמית ניין, ליעבער פאַטער, דערצו קענסטו ניט נייטען
דיין טרייע טאָכטער וואָס ווינשט דיך צו בעלייטען!

מנוח געה צוריק, טאָכטער, אַ טאַטען דאַרף מען הערען,
דיא וויסטע איז ווילד—קענסט נאָך פערבלאנזעט
ווערען,

שולמית געה געזונד, פאַטער! (זיא נעהמט איהם ארום און
ער זיא, זייא געזעגנען זיך—מנוח געהט אוועק)

צווייטע בילד. צווייטע סצענע.

(שולמית שטעהענדיג אויף דעם בארג קוקט נאך דעם פאטער. זיא הייבט אויף דיא הענד און בענשט איהם פון ווייטען, זיא לאָזט זיך אראַפגעהן פון דעם בארג. און קוקט זיך אַלץ נאך צו צייטען אום אין דער זייט וואָהין דער פאטער איז אוועק געגאנגען—זיא געהט ווייטער פערטראַכט—פלוצלינג קוקט זיא זיך אום, און בעמערקט וויא זיא האט ארופ געבלאנזעט פונ׳ם וועג—זיא פרופט צו געהן לינקס, קוקט זיך צו פון ווייטען און חאפט זיך צוריק.)

האַ?—יאָ!—דאַכט מיך דאָרט דורך דעם באַרג?
האַ-—ניין!—עס איז קיין וועג—מענשען געהען דאָרט קאַרג

(זיא געהט צו רעכט קוקט זיך אום און בלייבט פליצלינג שטעהן)

דיא וויסטע איז ווילד: נאָר זאַמד, און דיא הייסע זונן!
איך זעה קיין וועג, איך ווייס ניט וויא איך בין—

(זיא לאָזט זיך ווידער צו געהען לינקס, און חאפט זיך צוריק)

קיין בית לחם איז נאָך ווייט, ווייט גאָר אָן אַ שיעור,
איך בלאָנזע יעצט?—גאָטט!—וואָס ועט זיין מיט מיר?

זיא פערשטעלט זיך דאס פנים פון דיא זונן

ניין ליכטיגע זונן! ווען דוא קענסט איבען שטעהן
און מיר קיין וועג צו וויזען, וואהין איך יאָל געהן,
נעהם וועניגסטענס צו פון מיר דיינע ברענענדיגע
שטראהלען!
בויער מיר ניט מיין קאָפּ מיט דיינע הייסע פיילען

זיא ווערט מיד און געהט צו שוואך צום שטיין וואס ליעגט רעכטס

איך בין מאט, איך בין שוואַך, עס ברענט מיר דיא ברוסט
דיא צונג טרוקענט מיר, אַך! איך שטאַרב פאָן דורסט!

זיא פאלט אויף דעם שטיין ענטקרעפטעט און זינגט שוואַך

איך בעט דיך דוא גרויסער שטארקער גאָטט,
וואָס דוא האָסט געהאָלפען דיין פאָלק אַ מאָהל,
ווען ער האָט אין דער וויסטע קיין טרינקען געהאַט
האָסטו איהם וואַסער צוגעשיקט אָן צאָהל;
לאָז-ושע דיין נס דאָ מיט מיר אויך געשעהען,
לאָז מיך פאַר דאָרשט דאָ ניט שטאַרבען, דערגעהען,
אַך!—עס איז דאָך זעהר, זעהר אַ ביטערער טויט;

געווינען אַ מאָל האט דיא גרויסע שלאַכט,
שמשון הגבור נאָר אָן אַ שווערט,
שוואַך איז ער געוועז, מיעד און פערשמאַכט,
האָסטו איהם אויך וואַסער ניך בעשעהרט;
לאָז-ושע דיין נס א. ז. וו.

דאָס רחמנות האָט הגר נישט געקענט צו זעהען,
וויא פון דאָרשט קוועלט זיך איהר פיצעלע קינד,
עס זאָל חאָטש פאַר איהרע אויגען נישט דערגעהען,
ווארפט זיא עס אַוועק, און—דערזעהט אַ קוועל געשווינד
לאָז-ושע דיין נס א. ז. וו.

(זיא פאלט אָהן כח אויף דעם שטיין, איינינע מאָל פערזוכט זיא זיך אויף צו הויבען; אבער שוואך פון דורשט פאלט זיא יעדעס מאל צוריק. ענדליך נעהמט זיא צוזאַמען איהרע לעצטע קרעפטען און קוקט זיך ארום—דערזעהט זיא א ברונען—זיא זינגט עטוואס איבערראשט)

אַך! וואָס זעה איך דאָרט? איך גלייב מיר ניט די אויגען,
צו איז דאָס אַ טרוים?—אַ ברונען זעה איך פאָרט,
ניין! דאָס איז קיין טרוים, ער איז אַוועק געפלויגען,

א ברוננען יאָ, מיט וואַסער, זעה איך דאָרט!—

(זיא חייבט זיך אויף פון איהר פלאַטץ לאַנגזאם, געהט צו צום ברונען בעריהרט איהם אן מיט דיא הענד, און אז זיא איבערצייגט זיך, זינגט זיא נאָך אַמאָל דאָס זעלבע נאָר מונטערער—זיא בייגט זיך איין צום ברינען, ציהט ארויס א שטריק און דערשרעקט זיך, ווייל זיא געפינט קיין עמער דאָרט)

האַ?—וואָס זעה איך? קיין עמער, נאָר אבלויזער שטריק!
אָה! אשיינעם שפּאס שפּיעלט דאָ מיט מיר דאָס גליק!

זיא קוקט אַראָן אין ברונען

וואס? דער לויטערער קוואַל שפּיגעלט זיך, רייצט זיך מיט מיר?

"קענסט מיך ניט בעקומען„—רוישט ער—"איך בין ווייט פון דיר!„

ניין!—מיין ליעבער גאָטט האָט מיך ניט אָבגענארט
ער וויל איך זאָל טרינקען אויף אַ זאַנדערבאַרער אַרט,
א נס איז דאָס, מיט נסים זאָל עס געהן!
איך לאָז מיך אַראָפּ—און וואָס געשעהען, זאָל געשעהען

זיא בינד זיך ארום מיט דעם שטריק, און לאָזט זיך לאַנגזאם אראָפּ אין ברונען

דריטע בילד. דריטע סצענע.

רעכטס צווישען דיא טיעפּע בערג הערט מען זינגען יעמאַנדען איין אַראַבישען מאָטיוו—דיא שטימע קומט אלע מאָל נעהנטער, ביז עס ערשיינט אבשלום מיליטעריש געקליידעט. נאָך איהם געהט זיין ווילדער קנעכט ציגניטאנג, טראָגט אַ פּעקעל אין דער האַנד מיט ראזינקעס און מאַנדלען, און אויף דיא פּלייצעס א שלויך פון וואַסער—זיי געהען אראָפּ פון דעם באַרג, אבשלום זעצט זיך אויף דעם שטיין

אבשלום נאָ ציגניטאַנג! זעהסט וויא איך וויים גוט!
אין דער געגענד בין איך שטאַרק געניט,
איך האָב געוויסט דאָ דארף זיין א ברונען,
גיך צובינד דאָס פּעקעל, וואס איז דרינען?

ציגניטאנג אָה אָה, ראָזינג! אָה אָה, מאַנדעל! אָה אָה!

אבשלום נאָ, און קיין פייגען איז נישט דאָ אָה אָה?

ציגניטאנג נע—אָה אָה.

אבשלום נאָ געה זשע גיך דוא ווילדע זאך,
געה, דאָרט מיט דעם בערגעל גלייך,

וועסטו זעהען, אסך ביימער מיט גרויסע צווייגען
פליק מיר אפּ פון דאָרט א פּאָר פרישע פייגען,

ציגניטאנג איך—בוים געה—גרויס, צווייג?
פליק, פריש, עס דיר פייג?

אבשלום נא געה גיך—יאָ.

ציגניטאנג גיך געה, אָה אַה. (ער שפּרינגט אוועק)

פערטע סצענע.

אבשלום ביז איך רוה מיך ניט אויס, געה איך ניט פון דאַנען
קיין ירושלים איז נאָך ווייט צו שפּאַנען,
וואסער איז דאָ, ס׳איז זעהער רעכט,
ראָזינקעס מיט מאנדלען...ס׳איז אויך ניט שלעכט.

ער צובינדט דאס פעקעל

ראָזינקעס מיט מאנדלען—עס ערינגערט מיך אין דעם ליעדעלע
מיט וואָס בת ציון האָט פערוויגט איהר בן יחיד יודעלע:

I.

אין דעם בית המקדש, אין אַ ווינקעל חדר,
זיטצט דיא אלמנה בת ציון אַליין,
איהר בן יחיד׳ל, יודעלען, וויגט זיא כסדר,
און זינגט איהם צום שלאָפען אַ ליעדעל שיין: אַללאַ;
„אונטער יודעלעס וויעגעלע
„שטעהט אַ קלאָרוויים ציגעלע,
„דאָס ציגעלע איז געפּאָהרען האנדלען,
—דאָס וועט זיין דיין בערוף;—
„ראָזינקעס מיט מאַנדלען,
„שלאָף-זשע, יודעלע, שלאָף!—

II.

אין דעם ליעדעל, מיין קינד, ליעגט פיעל נביאות:
אַז דוא וועסט אַמאָהל זיין צו זייהט אויף דער וועלט;

איין סוחר וועסטו זיין פֿון אַלע תבואות,
און וועסט אין דעם אויך פֿערדיענען פֿיעל געלד—אַללאַ!
און אַז דוא וועסט ווערען רייך ,יודעלע,
זאָלסט זיך דערמאנען אָן דעם ליעדעלע:
ראזינקעס מיט מאַנדלען.
—דאס וועט זיין דיין בערוף—
יודעלע וועט אלץ האנדלען!
שלאף זשע יודעלע שלאָף!

III.

עס וועט קומען א צייט פון ווערטפאפיהרען
קאנטארען וועלען זיין אין דער גאנצער וועלט
דער גרעסטער וועסטו זיין פֿון דיא באנקירען
און וועסט אין דעם אויך פֿערדינען פיעל געלט—אללא!
און אז דוא וועסט ווערען רייך א. ז. וו.

IV.

עס וועט קומען א צייט פון אייזענבאהנען
זיי וועלען פערפלייצען א האלבע וועלט
אייזערנע וועגען וועסטו אויסשפאנען,
און וועסט אין דעם אויך פערדינען פיעל געלט
און אז דוא וועסט א. ז. וו.

[ער זינגט אפ—לייגט אוועק דאס פעקעל און נעמט דעם שלייך אין
דער האנד]

שוין אביסעל געגעסען—אַפֿילו ניט אזוי זאַט,
פֿערטרינקען מיט וואסער וואלט אויך ניט געשאַדט.

(ער הייבט זיך אויף צו געהען צום ברונען, און וויא ער בייגט זיך אָן
אנצונעהמען וואסער, דערהערט ער א געשרייא פֿון דעם ברינען.
פֿאר שרעק לאָזט ער ארויס דעם שלייך פֿון דער האנד און שפרינגט
צוריק פֿון דעם ברונען —זינגט)

הא וואס הער איך?
א קול פון א רוח!...

שולמית (פֿונם ברונען) ווער איז דארט? איך וועל אייך
בענשען!

ראטעוועט איין מענשען!

האט רחמנות און נעהמט מיך ארויס,
האט רחמנות און נעהמט מיך ארויס!

אבשלום (אלץ דערשראקען טרעט צוריק) ווער ווייסט
וואס דארטען ליגט פיר איין ליץ,
רופט מיך צו פערנארען אין זיין נעטץ?

שולמית [פון ברונען] ניין, האלט מיר ניט פיר קיין ליץ,
איך בין א מענש, גלויב זשע מיר!
געבוירען פון פלייש און בלוט בין איך אזוי
גלייך מיט דיר!

אבשלום נא, גיב מיר א סימן, און רוף מיר אן דעם
נאמען „גאטט"!

שולמית אט האסטו א סימן, איך רוף דיר אהן דעם
נאמען „גאטט"

אבשלום שווער מיר!

שולמית איך שווער דיר ביי גאטט,

אבשלום (אביסעל בערוהיגט געהט צו צום ברונען, קוקט
אריין אין איהם, און דערזעהט שולמית, ער פער-
ווינדערט זיך און זינגט צופרידען)

אך, ס'איז א מענש!—נאך א מעדכען דערצו!
יונג וויא דער פריהלינג, וויא א שטערן שיינט זיא!
אודאי איז איין עבירה אזוינס לאזען אומקומען,
שרעק דיך ניט, קרענק דיך ניט, ביזט שוין ניט
טויט,
יעצט טהוט מיר שוין הנאה מיט מיין אהער
קומען,
איך זאל דיר יעצט קענען שטעהן אין דער נויט.

פינפטע סצענע.

(ער ציהט זיא ארויס ביים שטריק פון דעם ברינען. זיא איז בלאסס,
זיא טהוט איין קוק אויף איהם, דער נאך ווענדעט זיא דיא אויגען צום
הימעל, פאלט אויף דיא קניע און דאנקט גאטט—אין דער צייט
שטעהט אבשלום, קוקט זיך צו צו איהר און בעוואנדערט איהר
שעהנהייט, זינגט אויך)—דועט

שולמית

איך דאנק דיר גאָטט גאָר צֿהן
אַצֿאָהל,
וואָם דוא האסט דיין נס
מיר בעוויזען צווייא מאָהל:
דאם ערשטע מאל פֿון דעם
דאָרשט, שיער דערשטיקט,
האָסטו מיר דעם קוואלוואסער
צוגעשיקט:
נאָר באַלד האט ער מיך גע־
וואלט איינשלינגען וויא אלייב
איין קוק פֿון דיר, איך לעב!

אבשלים

אַך גאָטט, וואס זעה איך?
וואָם פֿאַר אַבריליאַנט?
זיא בלענדעט מיך נאָר וויא
אַדיאַמאַנט;
וואָם פֿאַר א צויבער אום-
שוועבט מיך אַצונד!
אין דער ווילדע וויסטע—
אַזאַ רייצענד קינד;

(געהט צו צו איהר לאנגזאם, און הייבט זיא אויף—זיא בלייבט שטעהן איניגע מינוטען, און בעטראכטעט אבשלום'ן, ענדליך זאגט זיא צו איהם)

דאָם ביסטו עס, גאָט'ם מלאך אין געשטאלט פֿון אמענשען?
דאם ביסטו זיין שליח? גאָטט זאל דיך בענשען;
דיך האט ער צוגעשיקט מיר שטעהן אין מיין נויט,
ווען איך האָב מיך געראנגעלט מיט דעם שרעקליכען טויט
נעהם זשע פֿון מיר דאם קליינע געשאנק:
פֿון מיין טיעפֿסטען הארצען דעם בעסטען דאַנק.

אבשלום נישט מיר קומט דער דאַנק, דעם דאַנק
פֿערדינט דער,
וואָם מיט זיין שליחות האט ער מיך געשיקט אהער!
דאָם האט שוין דיין חכמה ארויסגעזעהן גלייך;
און האסט איהם באלד אויף דיא קניע, געגעבען זיין
שבח.

איך האב נאָר ערפֿילט דעם חוב פֿון אמענשענס זוהן,
וואס יעדער מענש אין אַזאַ פֿאַלל, דארף אזוי צו טהון;
איך האב גערעטעט אמענשען פֿון זיין נויט, און דערפֿאר

האָב איך נישט געהאָפֿט, און ווינש ניט קיין שכר,
נאָר דער שכר פֿאַר דיא מצוה איז געקומען פֿון זיך אליין
ווייל אנשטאט א געוועהנליכען מענשען—וואָס האב איך דערזעהן?

וואס האב איך געפֿונען אונפֿע־האפֿט, אונבעקאנט:
אשטיק גאלד אין דער וויסטע, אין זאמד אבריליאנט!
זאָג, שיינעס קינד; וועלכער צופֿאלל—אדער ווער—
האט דיך געבראכט אין דער ווילדער געגענד אהער!

שולמית מיט אללע יודען פֿון בית לחם, וואס זענען געגאנגען,
אין אונזער שטאט ציון, דעם יום טוב עמפּפֿאנגען;
איז געוועזען צווישען זייא אויך מיין פֿאָטער מנוח,
איהם צו בעגלייטען בין איך נאכגעגאנגען אויך;
איך האב מיך געזעגענט, און וויל געהן צוריק,
נאָר, ניין! צוגעבונדען האט מיך פֿון וויטען דער בליק,
וויא דיא אללע עולי רגל שפאנען פֿרייליך אין איינעם,
דיא אללע זענען בעגייסטערט פֿון דעם געדאַנק דעם ריינעם.
אַז, אַט באַלד וועלען זייא דערזעהן גאָטס הייליגע מלוכה,
דאָס שיינע ציון וואָס ער האט אויסגעוועהלט צו זיין מנוחה
באלד וועט זייא אין דיא אויגען וויא שטראהלען בליטצען
פֿון בית המקדש, הויכע טורעם, גאלדענע שפּיטצען,
באלד וועלען זייא קניען אין טעמפּעל׳ס הויכע האללען,
פֿון דיק פֿערגאלדעטע ווענט און מארמארנע זאללען,
באלד וועלען זייא זעהן דיא כהנים ביים מזבח,
באלד וועלען זייא שמעקען פֿון דיא בשמים פֿרישען ריח,
באלד וועלען זייא הערען דיא לוים׳ס שיין געזאנג,
פֿון שופרות, פּויקען, און הארפֿען, זיסער קלאנג,
אָה, יעקב! וויא שיין איז דיין געצעלט, דיין וואהנונג ישראל!
אָה, ווען איך זאָל זוכה זיין, דאס ווידער זעהן אמאהל!

אבשלום דיין וואנש קען זיין ערפֿילט, דיא זאך איז ניט אזוי גרוים!

שולמית שלאָג מיר נישט איבער—הער ווייטער מיך נאָר אוים;
בערוישט פון דער זיסער אידעע, פון דעם הייליגען געפיהל
האב איך פערגעסען וויא איך געה—פארלוירען מיין ציעל,
און האב אראָפגעבלאנזעט פון וועג—איך קוק מיך ארום,
איך שטעה אין א וויסטע—נאר זאַמד אימעטום,
פון אויבען ברענט דיא זון—דער דארשט פון אינווענדיג,
קיין טראפען וואסער—האטש מיט דעם לעבען ענדיג,
פלוצלינג דערזעה איך א ברונען—נאָר קיין עמער איז ניטאָ
איך לאז מיך אראפ אויף גאָטס באראָט אין א גוטער שעה,
דער קוואַל האט מיך דערקוויקט, און האב ניט געהאט אין זינען
וויא איך וועל ארויס!—אַדאָ האסטו מיך געפונען!

אבשלום יאָ, געפונען האב איך דיך, און דוא האסט מיך געוואָנען!
נאָך מעהר וויא איך האב געהאפט האָב איך אין דיר געפונען,
נישט ווערטער שיט דיין מויל, נאָר שיינע פעריל אויס,
פון דיינע ליכטיגע אויגען שיינט חכמה פיעל ארויס,
און אויף דיין גאָלדענעם שטערין שטעהט דייטליך טיעף גראָווירט
דיינע ריינע אונשולד, מיט מעלות פיעל פונקטירט!...
און אַז איך האב דיך געפונען, מן הסתם האב איך דיא ווערט
יאָ, יאַ דוא שעהנעם קינד, נאָר מיר ביסטו בעשעהרט!

שולמית דיין נאָמען וויל איך וויסען, אויך פון דיין משפחה!

אבשלום מיין נאָמען איז אבשלום, אין מיין הויז ליגט דיא ברכה,
מיין משפחה איז אין ירושלים בעקאנט, און גרוים זעהר;
מיינע קרובים—כהנים, איך שטאמם פון דיא מכביער!
עס פעהלט מיר ניט פון גוטס, איך האב גיטער זייער פיעל!
נאָר דער כוס פון מיין גלוק איז אָבער נאָך ניט פולל!...

אָה, שיט אריין אין איהם דיין איין זיס ווארט געשווינד!
וועט דער בעבער פֿולל שוין זיין, און וועל טרינקען צו
געזונד!
אָהן איין נעטץ האָסטו מיין האַרץ געפֿאנגען יעצט צו דיר
איך רעכען אַז דוא אויך האסט זיך ניט אבגענארט אין מיר.

שולמית שוין דער איינציגער שריט, וואס האט מיר
גטרעטעט מיין לעבען,
האָט דיר פֿיעל רעכט אויף מיין דאנקבאר הארץ געגעבען!
ניט פֿיעל פֿייער אייגענטליך, דארף מאן יעצט אויסניצען,
אום דיא וואהרע דאנקבארקייט אין ליעבע צו ערהיטצען...
נאָר וואַגען דאַרף ניט אַ מיידעל פֿון מיטלען שטאַנד,
זיך אנצומעסטען וויא דיא גרויסע פֿון אונזער לאנד!...
דען—אין בית לחם׳ס שטיללער געגענד, שיין אפצומאָהלען
אויף דיא הויכע בערג, און דיא פֿרישע גרינע טאָהלען,
דארט פאַסעט שטענדיג שולמית, מנוח׳ס איינציג קינד,
איהר טשערעדע, פֿיה, שאָף, און רינד!
וויט, ווייט פֿון דער שטאָט, פֿון איהר רעש און גערודער
נאָר דעם שטילען וועלדיל טרויע איך מיינע תפילות און
ליעדער,
אויסער ליעבע צו מיין גאָטט, צו מיין פֿאָטערס תורות פֿיעלע
האָט נאָך ניע מיין הארץ געקלאפט פֿון הייליגע געפֿיהלע,
ביז דוא ביסט אויפֿגעוואקסען פלוצלינג אומגערעכט,
און האָסט מיין הארץ געקויפֿט, געווינען יאָ מיט רעכט.

אבשלום יאָ, געווינען אויף אייביג, זהאָסט ניט וואָס צו
ריידען,
סיידין דער טויט וועט מיך פֿון דיר צו שיידען!--

שולמית ניין, שיידען מוזען מיר יעצט (פֿון דעם איז
גאר קיין רעדע)
נאָר ביז אין אַ צייט—ניט אויף לאנג צו שיידען מיר זיך
ביידע!
איך קער מיך אום צו מיינע שאָף, וויא אַ געטרייער וועכטער
און דיך וואַרטען אפשר שוין לאנג ירושלים׳ס רייכע טעכטער

טעכטער
אין דיא גרינע גערטנער צו ליעב יום טוב, מיט זייא זיך
אמוזירען!
זייא האבען שוין כלים מיט וואס אזא יונג צו אינטרעסירען
צו דעם שטודירטער חן, געמאכמער פארב און שמייכעל,
פארפוצט מיט טהייערען שמוק, האבען זייא גענוג שוין
שכל!
נא? וואס וועט זיך דעמאלט אנזעהן בייא דיר נאך א'ן
זכרון
איין אייגפאך הירטען מיידעל אהן דיא אלע פאליטורען?
וואס וועט דיך אארען דארט ווען דוא וועסט זיין דיר גליקליך
אז דוא האסט איין ארעם הארץ, צובראכען דא אויף
שטיקליך?
פאר וועמען וועל איך מיך קלאגען, ווער וועט מיך דא הערין?
ווער וועט דיך דארט משפט'ן אז איך וועל אונגליקליך
ווערען?
אה, דער געדאנק איז שרעקליך פון טויט!—
לאז מיך בעסער בלייבען בייא דער דאנקבארקייט פאר
דער נויט,
אה, שלעפ מיך ניט ארויף אזוי הויך, אז מיט אמאהל
זאל איך דארפען אראפפאלען אין אזא טיעפען טהאל...
און דער שנעללער מאמענט וואס דיך האט אזוי איבער-
ראשט פון מיר
וועט אזוי גיך אוועק—וויא גיך ער איז געווארען אין דיר!
אבשלום וואס טויג דיר קינד, זיך און מיר, אזוי אנ-
צומאכען שמערצען.
ווארף אוועק דיין איינגעבילדעטען ספק פון דיין הערצען!
ווייל איך קען צופיעל גוט דיא וועלטליבע טעכטער.
דערפאר איז מיינע מיינונג פון זייא, נאך פיעל שלעכטער
שטענדיג האב איך געטרוימט(יא ערשט איצט דערצייל'ך)
צו געפונען אזא שולמית וויא אונזער שלמה המלך!...
ויפיל פרויען, קעניגען, ער האט איבערגעזעהן איבעראל

וועלכע איז געוועזן די קרוין פֿון זיין אידעאַל?
ווער האט איהם בעגייסטערט מעהר, אין וואַך און אין שלאָף
נישט וויא די איינפֿאַכע שולמית, וואס האָט געפּאַסעט
שאָף?
ער האט געוויסט אַז אַזוינע קען זיין פֿיעל געטרייער,
אַז אַזאַ אשת חיל איז פֿון פּעריל פֿיעל טהייער!
אָה, שולמית, אים נאָמען פֿון דעם, וואָס האָט מיך גע-
שיקט אַהער,
דיר צו רעטטען דיין לעבען איך שווער, יאָ איך שווער!
אַז נאָר דיר מיין טהייערע בלייב איך אויף אייביג טרייא
זאָג עס ארויס דאָס זיסע ווארט, זאָג עס אַרויס גאַנץ
פֿרייא!
איך זעה, דיינע אונשולד שעהמט זיך אַרויסצורײדען וואָס
זיא וויל...
איך הער שוין, וויא דיינע געפֿיהלע ריידען דיך צו,
(אַללע) „נעהם אַרום דיין טרייען חתן, דוא געליבטע כלה"
(ער נעמט זיא אַרום. זיא פֿאַלט איהם אויף דעם האַלז, און גערירהרט פֿון דיא רייד וויינענדיג זאָגט זיא אַרויס „אבשלום" און ער אויך „שולמית" זיא הייבט אויף נאָך איינער פּויזע דעם קאָפּ, קוקט זיך אום און זינגט)
יאָ וויא נעהמט מען דיא עדות,
זאללין שטעהן ביי רייערס,
אונזער שבועה הערען.
זיא זאל ניט געבראכען ווערען.
(אין דעם מאָמענט וויא זייא קוקען זיך ביידע ארים, שפּרינגט ארויס א ווילדע קאטץ אויף א בערגעל, און בלייבט שטעהן גלייך וויא זיא הערט)
אבשלום ווייזט מיט דער האנד אָה דער ברונען, אָה דער!
און דיא קאטצע אה דיא, אה!
זאלען זיין, וויא איך שווער,
עדות צו אונזער שבועה:
אז ווער נאר פֿון אונז וועט ברעכען דאס ווארט,
זיי אליין זאללען דארט

פערלאנגען אויף דעם ארט,
ראַבע, ראַבע, אין איינעם פאַרט!

שולמית (ווידערהאָלט דאַסזעלבע, דערנאך זינגען זייא צוזאמען, דועט)

דאס וועט אבער ביי אונז ניט גישעהן,
ווייל צוזאַמענגעפיהרט אונז האט גאטט אליין
גאטט אליין הייסט עס,
דאס הארץ אליין ווייסט עס,
דיא ליעבע אליין טרייסט עס:
מיר בלייבען געטריי אייביג געטריי אייביג גיטריי,
מיר בלייבען אויף אייביג, דער שבועה געטריי!

זעקסטע סצענע.

(זייא אומאַרמען זיך ביידע,—אין דער צייט לויפט אַריין צינגיטאנג, זעהט וויא ביידע אומארמען זיך, הייבט ער אָן צו לאַכען)

צינגיטאנג אָה, אָה, איך—געה—זיך פיג, נישט גע־פינט דוא נישט,
געה זיך מיידיל—דוא יאָ געפינט, אָה, אָה!

שולמית ווער איז דער?

אבשלום מיין פריליכער קנעכט,
ער איז געניט אין דיא וועגען ניט שלעכט.

צינגיטאנג וויא? דוא נעהם מיידיל? מיר אויך גיב,
איך אויך אַזוינס, אַזעלכעס ליעב!

(ער זוכט צווישען דיא בערג, ער זוכט אין ברונען, לאָזט זיך אַראָפּ)

אבשלום (צו שולמית'ן) מיין קנעכט וועט דיך באַלייטען
ווייזען דעם וועג צו דיר,
ווייל איך מוז קיין ירושלים, מען וואַרט דאָרט אויף מיר
עס איז ערב סכות, מיר האבין פיעל צו טהון!
דוא ווייסט דאָך וויא אין אַזאַ צייט רעש'ט זיך אין ציון
און באַלד נאך סכות פריה, נאָך איידער דער שטאָט בית לחם
וועט דיא זון דעם ערשטען בריה טהון מיט איהר גליהענדיג פייער

וועט דיין טאַטע דערפֿיהלען מיין "שלום עליכם"
און דוא, מיין הייסען קוש, אַלס חתן געטרייער!—

ציגייטאַנג (שפּרינגט ארויס פֿונ'ם ברונען וויינענדיג)
טאָ, נאָך מיידיל, טאָ! אָהף! אַללאַ, אַללאַ!
[ער ברעכט דיא הענד]

אבשלום אין דער היים דאָרט—גיבען—כלה!
קום אַהער ציגייטאַנג! דערווייל פֿיהר זיא אָפּ אַהיים
דוא ווייסט דעם וועג קיין ביתלעהיים?
(ציגייטאַנג ווידערהאָלט יעדעס לעצטע ווארט)
פֿון דעם באַרג לאָז דיך אראָפּ אין טהאָל,
באַלד לינקס וועסטו דערהערען אָן צאָהל
דאָס רימשען פֿון קאַמעהלען, אייזעלן, פֿערד,
ניט ווייט פּאַסען שאָף פֿאסטעכער אויף גרינער ערד
ביז אַהין פֿיהר דאָס מיידעל, געה שנעלל מיט איהר!
און באַלד זאָלסטו קומען אַהיים צו מיר!

ציגייטאַנג איך, אייזעל, באַרג, פּאסטעך, געה מיט איהר
רימשעט, פֿערד, מיידעל, אהיים צו דיר?

אבשלום (צו שולמית) אויפ'ס ווידערזעהן, מיין טהייערע,
מיין ליעבסטע,
מיין שיינער בריליאַנט, געפֿונען אין דער וויסטע!

שולמית אויפ'ס ווידערזעהן, מיין ליעבער, מיינרעטער,
מיין לעבען,
אבשלום, פֿערגעס ניט דיא שבועה, וואָס דוא האָסט
געגעבען!
ווי זייא האלטען זיך בייא דיא הענד, קוקט ציגייטאַנג מיט נייד
אויף אבשלום'ן)
מיר אויך אזוינס, אזוינס, אַזעלכעס?

אבשלום אַוועלכעס?

ציגייטאַנג אַזעלכעס, אַזוינס, אָה, אָה, ליעב, ליעבען!

אבשלום קומען אהיים, דאָרטען אויך געבען!

ציגייטאַנג (טאַנצט פֿאַר פֿרייד,—אין דער צייט זענען זייא
דערווייל ארויפֿגעגאַנגען אויף דעם באַרג, אבשלום שטעהט לינקס

שולמית רעכטס, צינגיטאנג אין דער מיט. ער קוקט זייא אָן פֿער־ווינדערט וויא זייא זינגען—זייא ווידערהאָלען—יעדער איין זאַטץ—פֿון דער ווייטענס טיעף אין דער סצענע צווישען דיא בערג זעהט מען וויא פאסטיכער קערען זיך אום מיט זייער טשערעדע אהיים זינגען און שפּיעלען אויף דיא פֿייפֿערלעך, און צום שלום געהט שולמית אין בעגלייטונג פֿון צינגיטאנג רעכטס, און אבשלום לינקס אויף דעם בארג אוועק. מאנדליכט)

(פֿארהאנג פֿאלט שטיל)

צווייטער אקט [אין צוויי מאָנאט ארום]

צווייטע סצענע.

בילד (דיא ביהנע העלל בעלייכטעט, שטעלט פֿאָר א וויינגארטען אונטער דיא שטאָט ירושלים—אין דער מיט פֿון דער ביהנע אונטער פּאלמענביימער אויף א הויך פּלאטץ בעדעקט מיט קאוויארען מיט טרעפּ ארויפֿצוגעהן, שטעהן אַלטפֿאטערשע שטוהלען—רעכטס פֿון דער ביהנע שטעהן פֿיעל יונגעלייט, צווישען זייא אבשלום מיט זיין פֿריינד חנניה—געגען זייא שטעהן פֿיעל מעדכען, טהייל מיט פּייקלעך אין דיא הענד, טהייל מיט טעצלעך, טהייל מי. גאזשלייער און בלומען, אין דערמיט מיט א קרוין פֿון פּעריל אויף דעם קאָפּ שטעהט אביגיל—אלע מיידלעך טאנצען—צינגיטאנג אונטערהאלט זיך מיט אללע מיידלעך מאכט קאָמישע גרימאַסען—אללע לאכען און ווען אללע טאנצען אָפּ לויפֿען ארויס צווייא מיידלעך פֿון קאהן, שטעלען זיך ניט ווייט פֿון דיא בחורים און זינגען)

לויף צו מיר, דיא פֿיינער זכר!
חאַפּ מיך אויס, דוא שיינער בחור!

קוק זשע, קוק אַהער...
ווייסט ווער איך בין, ווער?
דיא רייכסטע אין דער גאַנצע שטאָט!
מיין טאַטע גיט דיר שאָף און רינדער.
און וויינגערטנער גאָר אַ ווינדער,
און רענדלעך אַסך,
ווערען ווּעסטו רייך.
דער רייכסטער אין דיא גאַנצע שטאָט!
נאָ זאָג זשע "יאָ"!—נאָ זאָג זשע יאָ—יאָ!...

(זייא דרעהען זיך און לויפֿען אוועק)

אבשלום חנניה!—וועלכע פֿון זייא איז דיא שעהנע?

חנניה (איראָניש)—ניט אי איינע!

אבשלום (קוקט איהם פּרופֿענד אָן) אויף וועלכען פּונקט ציעלט יעצט דיין אויג?

חנניה (בייז) טאָמער דאַרפסטו ניט וויסען וואס מיר טויג?

(אנדערע צווייא מיידלעך לויפען אַרויס פון קאָהן צו דיא בחורים און זינגען)

געלד איז רונד, מען קאָן עס אָנווערען!

יחוס קען ניט בעגנבעט ווערען.

קוק זשע, קוק אַהער

ווייסט ווער איך בין — ווער?

דיא מיוחסת אין דער גאנצע שטאָדט!

מיין באָבע איז פון אַ שיינער משפחה,

מיין זיידע אויך — זכרונו לברכה,

דוא וועסט אויבען אָן,

טאַנצען שעהן אין קאָהן,

בכבוד אין דער גאַנצע שטאָדט,

נאָ זאָג זשע "יאָ„ — נאָ זאָג זשע "יאָ!„

(זיי דרעהען זיך אויס און לייפען אוועק)

אבשלום ביסט אַלץ פאַרטראגען, חנניה? זאָגסט ניט מיר!

איך וועל טרעפען, ווילסטו? איך וועט מיט דיר!

חנניה (צוטראָגען) שלאָג מיר ניט איבער, לאָז מיך צורוה!

אויב דוא האָסט אויגען קוק זיך גוט צו!

אבשלום ווער איז דיא? חנניה! קענסט מיר ניט ערקלערען?

וואָס טראָגט א קרוין מיט פעריל אויף איהר שטערין!

חנניה אביגיל מיינסטו? האסטו ניט דערקענט?

דעם כהן'ס טאכטער, דיא פעריל פון דעם אָריענט!

אבשלום (טהוט א שמייכעל) אביגיל? — יעצט פערשטעה איך דיין מיין!...

חנניה (בייז) שווייג! — איך האב זיא פריהער דערזעהן!...

(נאך צווייא מיידלעך פון דער גרופע לויפען צו און זינגען)

וואָס טויג דער זיידע פון עולם הבא!

לעבען, לעבט מען ניט מיט קיין באבע!...

קוק זשע, קוק אַהער!

ווייסט ווער איך בין, — ווער?

דיא קליגסטע, פרימסטע פון דער שטאָדט!

קלוג אין פֿרום דאָס איז אַ קרן!
שיינקייט קען פֿערוויאלעט ווערען . . .
דאָך מיט קלוג און פֿרום,
ווערט דיך אומעטום,
מקנא זיין דיא גאַנצע שטאָדט!
נאָ זאָג זשע—"יאָ„ נאָ זאָג זשע—"יאָ„
(זייא לויפֿען אוועק)

אבשלום וואָס ווארטסטו חנניה? וואָס לויפֿסטו ניט חאַפּען?

חנניה עס איז ניט דיין עסק, איך וועל זיא שוין דערטאַפּען

אביגיל (הויך שטעלט זיך ארויף אויף דעם עסטראדע)
הערט מיך אויס מיינע ליעבע שוועסטער, יודישע קינדער!
צו לויפֿען איז נישט גוט אַז ס'זאלל יעדע בעזונדער
איך האב אויסגעקלערט אבעססערין פּלאַן;
אללע אין איינעם; אין איינעם זאָללען מיר זיין!
מיר וועלען זיך געווים שטעלען אין דער רייהע אַלע
ווער, וועמען וועט חאַפּען—וועט זיין דעם'ס כלה!
באַשטעהט איהר אַזוי?

אללע מיר באַשטעהען! אלע שטעלען זיך אויס אין איין רייהע
(אביגיל אין דער שפּיטצע, זינגענדיג ווינקען זייא צו דיא בחורים און רוקען זיך כל מר'סט וויטער]

קום זשע קום זשע בחור פֿיינער,
חאַפּ מיך גיכער אויס!
קום זשע קום צו דער כלה דיינער,
נעהם מיך גיכער ארויס!

בחורים—לויפֿט זשע גיך אַהער!
בתולות—האלט אייך דעם פּלאַן דעם וואוילען!
בחורים—נעהנטער, נעהנטער!
בתולות—ניין, דאָס וועט איהר ניט פּויעלען!
בחורים—אַז מיר וועלען זיך צולויפֿען?
(זייא מאכען אשריט פֿאר:ווערטס)

בתולות האַ ס׳איז איין אנדער אופן!
בחורים— מיר וועלען אייך שוין געפינען!
בתולות— נאַ! האָט איהר געווינען!—חאַ! חאַ! חאַ! חאַ!
(בחורים אויך: חאַ! חאַ! חאַ!

דאס זעלבע ווידערהאַלט זיך דרייא מאהל, ביז אללע מיידלעך צו-לויפען זיך אין א ראָד— אין דער צייט רוימט אבשלום איין אין צינגיטאנג׳ס אויער: אַז אין פאַל ער וועט דערזעהן, דאס חנניה וועט וועלען חאפען אביגיל׳ן זאלל ער אונטערשפרינגען און נישט דער-לאזען—און ווייא חנניה איז צוגעלאָפען חאפען אביגיל׳ן לויפט איהם אונטער דער ווילדער און פאַלט איהם אריין אין דיא הענד וועהרענד אבשלום האט בעניצט דיא געלעגענהייט, און האט אויסגעחאַפּט אביגיל׳ן, אללע לאכען—אללע מיידלעך טהון אָן א קראַנץ מיט בלומען מיט א גאַזשליייער אויף דעם קאפּ פון אביגיל

אבשלום (צום ווילדען) שפּרינג אהיים צו מיינע פריינד גיך וויא א קדחת

זאָג זייא אז איך האב דאָ בעקומען א כלה;
זייא זאלען פריהער אהער קומען געבען דיא ברכות
דערנאך אונז פיהרען אין טעמפעל, אין הייליגען אָ״ט אללע

צינגיטאנג איך געה, זאג, דוא בעקומסט קדחת?
פיהרען, אונז, כלה, אויף הייליג ארט?

חנניה (בייז) גאטט זאלל דיר באצאָהלען פאַר דיין צו להכעיס! (אב)

איינער איך געה, ווער ווייסט וואס דער ווילדער וועט פלוידערין דארט (אב)

צינגיטאנג מיר אויך כלה, מיר אויך אזוינס אזעלבעס אָה

אבשלום אין דער היים, דארט, יאָ (זינגט צו אביגיל׳ן)
דוא ביסט מיין כלה, איך האָב דיך געחאַפּט,
יאָ דוא שיינע, איך האָב דיך דערטאַפּט,
אַצונד מעג איך זיין מאַקע פריילעך,
אַ כלה נור וויא אַ בת־מלך,
דיא האָב איך אַליין!
וואָס האָב איך פון פּוסטע מעלות,
וואָס אין איהר ליעגט דאָרט אַליין?

פֿאַר שיינקייט גיב איך אַללעס,
דאָס דאַרף איך פֿאַר מיר אַליין,
האט מיר גאטט באשערט אי שיין, אי רייך, קלוג במילא;
אַזאַ יאָהר אויף מיר—זינגט זשע אללע; אמן סלה!
(אללע זינגען, מאכען אריענטאלישע פֿיגורען, און זינגען: סלה)

אביגיל דוא ביסט מיין חתן, דוא האסט מיך געחאפט,
נאָ דוא מיוחס, דוא האָסט מיך דערטאַפּט;
באַדאַרפֿט אַ חתן האָט דיא כלה,
זיא האָט נישט געקוקט אויף קיין מעלה
דיא האב איך אַליין.
נישט געקוקט אויף שאָף און רינדער,
דיא האבען מיר אַליין!
שיין— איז בייא מיר קיין וואנדער;
שיין בין איך אַליין!
האָט מיר גאָטט באַשערט—אי שיין, אי פֿיין, קלוג במילא
—אַזאַ יאָהר אויף מיר! זינגט זשע אלע אמן סלה!
(אללע ווידערהאלען)

ציגיטאנג יאָ, האָב חתן זיך באַטאַפּט,
יאָ, האָב, רוחות, מיך געחאַפּט,
האָב שוין אַללע, איך אַ מעלה,
נישט קוק חתן, נישט קוק כלה,
כלה, איך בין אַליין,
נישט קוק, ניט שאָף, ניט רינדער,
שאָף, איך בין אַליין!
ניט שיין ניט מיר, ניט וואנדער,
שיין איך בין אַליין—
אָט אָט, אָה בעשעהרט—אַ שיין, אַ קלוג,—ריין ממילא
אַזאַ מיר אַ יאָהר—זינגט זשע אַלע אַמאָלײלאָ!—
(ער טאנצט און ברעכט פֿיגורען מיט פֿייקלעך אין זיינע הענד)

איינער אָט קומט דער כהן מיט דיא פֿריינד אללע;

דיא ברכה געבען דער חתן—כלה

פינפטע בילד. צווייטע צענע.

(מוזיק שפיעלט אַ מאַרש, דיא בחורים געהען ארויס עמפפאנגען דעם כהן מיט דיא פריינד—איינער, בחורים פיהרען ארויף דעם חתן אויף דער עסטראדע און זעטצען איהם ארויף אויף אשטוהל, אללע מיידלעך טהון דאסזעלבע מיט דער כלה—דער כהן שטעלט זיך נעבען זייא אונטער'ן בוים, לייגט ארויף דיא הענד אויף זייערע קעפ און בענשט)

דאס פאר מוז קומען פארצירט
וואס דער זיווג האט צוזאמענגעפיהרט;
מזל טוב! גאטט זאל זיין ברכה
שיקען אויף דעם נייעם פאָהר!
און ער זאלל זייערע משפחה
ערהאלטען מיט לאנגע יאָהר!—

(אללע ווידערהאלען דיא ברכה — מוזיק שפיעלט אַ טאנץ—דיא בחורים מיט דיא בתולות טאנצען צוזאמען א טאנץ אונטער דער בעלייכטונג פון פערשיעדענע פייערען)

(פארהאנג פאלט)

דריטער אקט (אין צווייא יאהר ארום

זעכסטע בילד. ערשטע סצענע.

(שטעלט פאר א בערגיגע געגענד—לינקס גאנץ ווייט זעהט מען אַרויס דאס שטעדטיל „בית לחם" אַ גאנץ אלטער בנין מיט אַ צובראכענעם טויער שטעהט אויף אַ בארג—נעבען איהם א פאלמענבוים—אָנגע-שפארט אן איין אלטער צובראכענער זייל נעבען בוים שטעהט „שולמית" פארטראכט, פערזארגט, זיא קוקט אַלץ רעכטס צו דיא וויטע וועגען, פארשעלט איהרע אויגען מיט דער האנד פון דיא שטראהלען פון דער מארגענזאננע—אין טהאָל פאסעט זיך א טשערעדע—זאננענאויפגאנג שולמית טהוט טרויריג אַ מאך מיט דער האנד, לאזט זיך לאנגזאם אראָפ געהן פונם בארג, קוקט זיך אללע מאהל אום, טהוט אשווערען זיפץ און זינגט)

I

שבת, יום טוב, און ראש חדש,
דאַווין איך מיר אַליין פאר זיך;
איך האָב מיר אַליין מיין ארון קודש,
עס בעט ניט קיינער אין איהם נאָר איך.

מיין שווער הארץ איז דאָרט דער עמוד,
עס זעהט איהם קיינער ניט ארום,

דיא ליעבע איז דאָרטען, מיין נר תמיד...
עס ברענט — אין לעשט קיינמאָהל ניט אויס!

2

דער חזן בין איך — אַלץ איך אַליין,
דיא צרות — העלפען מיר וויא זינגער'ס מיט,
טרויריגס, זינגען מיר אוים גאנץ שיין,
פרייליכ'ס? עפּעס געהט בייא אונז ניט!...

דיא האָפנונג הערט מען דארט פּירזאָגען,
מען הערט זיא ארויס, אויך ווען זיא שווייגט!...
באלד הערט מען זיא דארט וויינען, קלאָגען,
און דיא טרעהרען קלאַפּען צו צום טאקט!

מיין תחינה איז געמאכט נאָר פאר נקבות
וואס ס'האט זייא געטראָפען דאס וואס מיך!
זייא קענען אלע ראשי־תבות,
דארט ליינען שנעל אזוי וויא איך

[זיא פארשטעלט מיט דיא הענד דאס פנים און וויינט]

אה! טהייער קאסט מיך מיין לעבען! צו טהייער האב איך בעצאָהלט דערפאר

וואס טויג מיר זא געמוטשעט לעבען אין ליידען און אין צער?

בעססער וואלט מיך געווען דער דארשט פארברענט אויף קויל,

בעססער דער ברונען איינגעשלונגען אין זיין וואסעריג מויל! (פויזע)

אוי! נישטא קיין ערגערער טויט, קיין ערגער קריינקען,
וויא אומזיסט צו האפען, צו ווארטען און צו ביינקען; (פויזע)
איך האב ערוואַרטעט דעם טאָג וואס ער האט מיר בעשטימט,

איך געה איהם אנטקעגען, איך מיין ער קומט;
איך האב נאר געמיינט, איך האב מיך אבגענארט גאָר;
יעדע סעקונדע איז מיר א טאג, יעדע מינוט א יאהר!

שוין צווייא מאהל האט זיך דער ווינטער אוועק געריקט,
שוין צווייא מאהל האט דער פריהלינג דיא ערד דערקוויקט
פיעל מענשען געהן קיין ירושלים, קומען צוריק בשלום,
יעדען זעה איך קומען, נאר ניט מיין אבשלום! (נאכדענקענד)
וואס איז מיט איהם געשעהן? איך קען מיר ניט
ערקלערען?

ער דער שיינער זאל מיר אונטרייא ווערען?
ער, וואס האט מיר געשווארען אזא טרייע;
פאר גאטט, פאר'ן הימעל, פאר צווייא עדות נייע;
ער, וואס האט מיר גערעטעט מיין לעבען,
וואס איך האב איהם מיין ליעבע, מיין הערץ אוועק געגעבען
ער, וואס האט מיר הייליג געשווארען דארט...
ער האט געקענט אזוי גיך ברעכען זיין ווארט? (פויזע)
ער האט געשפעט פאן מיר ארמע, זיך געמאכט א
געלעכטער?
ער האט זיך פערבונדען מיט איינע פון ירושלים'ס
רייכע טעכטער?
זיא האט איהם בעצויבערט מיט איהרע טהייערע שטיינער
זיא דריקט ער צו צו זיך, נעהמט זיא ארום, דער
געמיינער?

מיט שמערצליכען כעס

שפרינג ארויס, דוא קאטץ! דאס איז נישט זיין וויב!
שטעק אריין דיינע שארפע נעגעל אין זיין לייב!
רייס איהם אוועק פאן איהר, שלעפ איהם צו צום ברונען!
ווארף איהם אריין אהין, דארט וואו דיא קוואלען רינען
ווארג איהם, טרענק איהם, לאז איהם ניט אפ! נײן!
ראכע פאדערט, נקמה! איהר זענט דיא עדות געווען!

(ענטשלאסען)

הא! הא! ער ווײנט? ער וויל און קען נישט שרײען,
ער בעט זיך ביי אייך איהר זאלט איהם פערציײהען?

[גוטמוטהיג]

נא, נא לאזט איהם אפ, ס'איז נעביך א רחמנות!

שוין גענוג! מוטשעט איהם ניט אזוי מיט סכנות;
ער האָט שוין חרטה,עס וועט שוין מעהר ניט געשעהן!
איך האב אבעסער הארץ, איך פערצייהע איהם אליין!
אמענש מאכט אפּעהלער, אָבער דאך האלט ער ווארט!
ער וועט נאך קומען צו מיר, קומען וועט ער פּארט!
„סיידין דער טויט" פּלענט ער ריידען—
„סיידין דער טויט וועט אונז קענען שיידען" נאכדענקענד)
דער טויט?...אוי! איך האב ארויס גערעט אין אַזאַ שעה;
אפשר איז ער ווירקליך אויף דער וועלט מעהר נישטא?
אפשר איז ער ניט שולדיג? ער האט נעביך געביינקט
זיינע קרובים האבין ניט דערלאזט, און איהם האט'ם געקרענקט;
און איז פּאר צער־דעגאנגען וואס ער האט גיבענקט נאך מיר
האב איך מיך גאר אומזיסט געבייזערט אויף איהם!
(שמערצליך וויינענד)
שלאָף רוהיג אין דיין קבר! שלאָף דיר בשלום,
אפילו נאך דעם טויט בלייב איך דיינע, אבשלום!
פּאר דיר וועל איך שטערבען, פּאר דיר וועל איך לעבען
מיין הארץ איז בייא דיר, דיר האב איך עס אוועק געגעבען
(ענטשלאסען)
איך וועל מיך גאר קיינמאהל אויף דער וועלט ניט ווייזען,
מיין ווילען איז א פּעסטונג, מיין הארץ מאך איך צום אייזען
קיין מאנן וועט ניט וואגען מיין האנד צו בעטען!
און ווען אויך מיין פּאטער וועט מיך וועלען נעהטען,
או! צו וואס פּאר א פארטיע ער וועט מיך וועלען צווינגען;
וויא דיא קאטץ אין דיא אויגען, וועל איך ארויס שפּרינגען
משוגע וועל איך—משוגע וועל איך מיך מאכען פּאר אַלע
(וואס טויג חתנים א משוגענע כלה!) (פויזע)
יאָ! פּאר אללע בין איך משוגע נאָר ניט פּאר איינעם!
דער סוד בלייבט בייא מיר, איך זאג איהם ניט קיינעם!

(אינדעם ווערט אַ שטורמווינד, דער זאמד פליהט אין דער הויך און רוישט)

האַ! דיא נאַטור! וואָס איז דאס געווארען מיט דיר? —
פיהלסט אויך וויא עס שיינט, מיין הערץ גלייך מיט מיר?
ביזט אויך אין כעס? — בלאָזט פון אללע זייטען?
ווארפסט דעם זאמד אין דער הויך, זעה איך פון ווייטען?
ווארט בייזער שטורם, איך געה אהיים אליין!
מעהר וועסטו מיך שוין אויף דיא בערג קיין מאָהל ניט זעהן!!! —

(זיא לויפט ארויס שנעלל אומקוקענדיג זיך צום שטורם)

זיבענטע בילד. צווייטע סצענע.

(שטעלט פאר דאס איינפאַכע צימער פון שולמית פאָטער—דער אלטער מנוח קומט אריין גלייך וויא ער האלט אין א שמועס, נאָך איהם איינגע בחורים)

מנוח נאָ! וואס קאן איך אייך ענטפערן מיינע ליעבע לייט?
וואס האט מען זיך צו איילען? עס וועט נאך זיין צייט!
מיין שולמית איז נאָך יונג, וואס האב איך מיך צו יאָגען —
און ווידער דארף מען הערען וואס זיא וועט זאגען.

איינער דאס דארפט איהר אליין פערשטעהן, איהר עהרליכער אַלטער!
אַז דאס קען נור ריידען, דער שכל דער קאַלטער!
איהר זענט אויך יונג געוועזן, האט איהר דען ניט געפיהלט?
וויא דאס יונגע בלוט רייצט זיך און וויהלט?
געגען אַזאַ קינד, אונשולדיג און שיין,
וויא אייער טאָכטער איז, ווער קען דען באשטעהן?
זאגט ארויס דאס ווארט, ענטשליעסט אייך געשווינד
קלויבט אייך אויס אליין ווייזט אָן אַצינד,
ווער קען דאס גליק האבען, אייביג צו זיין,
אייער טאכטערס, ווירדיגער, גליקליכער מאנן? —

מנוח עס איז גאר קיין וואָנדער, אַז מען קען זיך פערליערען!

אַללע טאג, אַללע טאג, שלאָגט מען מיר אָפּ דיא
מהירען;
דער איז פֿיין, דער איז פֿרום, דער האט פֿערמעגען;
איך זאג דאך אייך, איך מוז מיין טאכטער אייך
נאָך פֿרעגען.
שאַט!—מיר דאכט עס קומט שוין ווידער יעמאנד
אפשר אויך בעטען מיין טאכטערס האנד!—

דריטע סצענע.

(עס שפאנט אריין מיליטעריש געקליידעט און נייגט זיך אריענטאלי־
שער ארט געגען מנוח)

יואב גדעוני (זינגט) איך היים יואב גדעוני!
איך היים יואב גדעוני!
דער נאמען מיינער איז דאך פֿיין!
פֿון יודישע העלדען דער שטארקסטער מאנן!—
איך האב דיא אַראַבער געשלאָגען,
פֿיעל רויבער אוועק געטראגען;
כלדייער געפֿאנגען האב איך געחאפט,
אויך דיא רעמער, גוט, גוט דורכגעקלאפט;
און נאָך שלאַכטען איינגענאמען, אסך, אסך, אסך;
מיינע אַללע לארבערקרענצע, לייג איך דא פֿאר
אייך!
אַטעכטעריל האט איהר, שיין אהן אַ שיעור,
מיין ליעבע איז צו איהר גרויס!
קען זיא ניט זיין יעצט אַ כלה פֿאר מיר;
ניין, ניין! האלט איך ניט אויס!—

פירטע סצענע.

[מנוח גיט איהם אַ צייכען זיך צו שטעלען אין דער זייט, ווייל עס
קומט אריין דער רייבער בירגער זיך נייגענד)

אבינדב (זינגט) איך היים אבינדב!
איך היים אבינדב!
דער נאמען מיינער איז דאך פֿיין;

פֿון יודישע גבירים דער רייכסטער מאנן
איך האב פֿעטע פֿעלדער,
און פֿיעל געדיכטע וועלדער;
און שיינע הייזער גאָר אָהן צאָהל,
און וויינגערטנער אויף בערג און טהאָל
און פֿעסעלעך מיט גאלד און זילבער, אסך אסך אסך
מיין גאנץ פֿערמעגען און עשירות, לייג איך דאָ
פֿאר אייך
אַטעכטעריל האט איהר שיין אהן א שיעור,
מיין ליעבע איז צו איהר גרויס;
קען זיא ניט זיין יעצט אַ כלה פֿאר מיר,
ניין, ניין! האלט איך׳ס ניט אויס!

פינפטע סצענע.

(מנוח גיט איהם א צייכען זיך שטעלען אין א זייט ווייל עס קומט ארייַן דער סגן הכהן זיך נייגענד)

נתן הכהן (זינגט) איך היים נתן הכהן!
איך היים נתן הכהן!
דער נאָמען מיינער איז דאך פֿיין,
פֿון יודישער פריסטער דער פֿרומסטער מאנן!
איך האב מעהר פֿון גבורים;
צו מיר געהערען אללע בכורים;
און מעשר פֿון אללעם וואס ס׳קומט אויף;
און אללע קרבנות ווער עסט זייא דען אויף?
און אויך פֿון אָקסען, עופות, לעממער, פֿלייש,
אַסך, אַסך!
מיינע אללע פֿעטע קרבנות, לייג איך דאָ פֿאר
אייך!—
אַטעכטעריל האט איהר שיין אָהן אַ שיעור!
מיין ליעבע איז צו איהר גרויס;
קען זיא ניט זיין יעצט אַ כלה פֿאר מיר;
ניין, ניין! האלט איך׳ס ניט אויס!—
(ער טהוט זיך א נייג)

מנוח איך זעה קינדער, מיר וועלען אזוי ניט קומען צו קיין ציעל!
ווייל בעלנים, בעלנים זענען דאָ זעהר פֿיעל;
און כדי יעדער פון אייך זאלל זיך ניט בעקלאגען
ווען מיר גורל ווארפֿען! וועמעס גליק ס׳וועט אויסטראגען!
באשטעהט איהר אזוי?

אללע — מיר באשטעהן דארויף!

(מען טראגט ארײן א טישעל מיט א פושקע, פארמעט מיט א גריפֿעל)

מנוח שרייבט אייך יעדער זיין נאָמען אויף,

(רעטשעטאטיוו מיט מוזיק)

אויף אַ שטיקעל פארמעט אַדאָ צום סוף!

אללע גוט, מיר פֿאָלגען!

מנוח נאָ, הייבט אָן!

יואב גדעוני (געהט צו צום טישעל און שרייבט: „איך יואב גדעוני בן אליעזר הלוי" ער דרעהט צונויף דאס שטיקעל פאַרמעט ווארפֿט עס ארײן אין פושקע; זינגט ער:)

אין אַזאַ שעה
לייג איך דאס דאָ;
נעהמט און מישט עס אויס;
אַז דיא ברכה „גורל זכה"
זאָלל פֿאַר מיר אַרויס!

אללע (מאכען צו איהם מיט דיא פֿינגער)

מיין ניט באַריהמער;
אַז ס׳איז נאָר איין נוממער,
עס זענען דאָ אַסך!...
האָב אין זינען;
אַז געווינען,
קענגען מיר אַללע גלייך!

(דאסזעלבע ווידערהאלט זיך, ווען „אבינדב" און „נתן הכהן שרייבען אָן זייערע קוויטלעך ביז אין דעם קאהר)

מנוח (מישט אויס דיא פושקע) שמעק מיין קינד דיא האנד אַריין

און שלעפּ ארויס ווערמ'ס גליק ס'וועט זיין!

(איינער פֿון זייא שטעקט אריין דיא האנד אין דיא פּושקע, ער נעהמט ארויס אַ קוויטעל און טהוט א געשרייא „יואב גדעוני"— אללע שאקלען מיט דיא קעפּ פֿערדריסליך, פֿערלייגען דיא הענד און מאכען איינער צום אנדערן פֿערווינדערט „גדעוני" מנוח נעהמט גדעוני'ן פֿאר דער האנד און גראטולירט איהם פֿריינדליך וועהרענד ער לאכט פֿון זייא אללע און רייצט זיך מיט זייא)

יואב גדעוני נאָ ווער געווינט? נאָ ווער, ווער, ווער?
איך געווין! הא קער, קער, קער!
נאָר אַראָם האט מיר געפֿעלט צום גליק
האב איך דאס אין דעם אויגענבליק!
יעצט היים איך באמת מאָקי רייך;
און לאך מיך אוים, און לאך חאַ! חאַ! חאַ!

איהר מעגט אייך יא, שווער שווער שווער;
מיט זייא רייצען: קער קער קער!
איהר דארפֿט אליין אויך זיין דערפֿרייעט
דאס עס האָט זיך אזוי אויסגעדרעהט;
וויא אזוי וואלט איהר באדארפֿט בעטריבט זיין;
ווענן ס'געפֿאלט אויף איין אנדערן מאנן! חאַ חאַ חאַ!

נאָ, וואס זשע ווארט איהר נאָך
מעהר, מעהר, מעהר!
איהר האט פֿערשפּיעלט!—נאָ?
קער, קער, קער!
וואס זשע שטעהט איהר אַראָפּ געלאזט דיא נעז?
אויף מיר האט איהר גאר נישט צו זיין בייז!
אַז עס איז אזוי, מן הסתם בין איך ווערט!
אדרבא מאכט פֿארקעהרט, חאַ,חאַ,חאַ!

(אין דעם הערט מען וויא פֿון דרויסען שולמית'ס שטיממע—זיא זינגט דיא לעצטע סטראפֿע פֿון איהר ליעד)

מנוח שאַט! מיר דאכט איך הער מיין שולמית קומען!
מיין ליעבער חתן, זייט מוכן ומזומן!—

אכטע בילד זעקסטע סצענע.

(שולמית קומט אָן פארטראכט—דעם קאפ אראפ—קוקט זיך ניט אום)

מנוח אזוי פארטראכט? טאָכטער, קוקסט גאָר ניט אויף מיר
און באמערקסט ניט דיין חתן, איך שטעל איהם
פאָר פאַר דיר

יואב גדעוני (לאזט זיך צו געהן צו שולמית און שטעלט זיך פאר העפליך)
יואב גדעוני!—

שולמית (טהוט אויף איהם אַקוק מיט אַ שמייכעל)
חתן? א פיין יונגעל—איין אַנטיק!! (צום פאטער)
מזל טוב דיר טאַטע, מיט דיין זיווג!—איך ווינש
אייך צו גליק!

מנוח איך פערשטעה דיך ניט טאכטער!

יואב גדעוני (טרעט צו צו שולמית) שולמית, איין ווארט!

שולמית (טהוט איהם אַשטופ פון זיך מיט כעס) פאָרט!

[זיא לויפט אַרום וויא משוגע און ווארפט יעדען פון זיך און זינגט)

איך בין הייליג, טרעט ניט צו אַהער!
איך וועל טייטען יעדען, עס מעג זיין וועהר;
אַוועק, אַוועק,אַוועק, אַוועק פון מיר!!
עדות!—הימעל!—ברונען!—קאטצע, ווילדעס טהיר!
(שנעללער) עדות, קאַטצע, ברונען, הימעל,
אללע דרעהן זיך אין רימֶמעל!

(פליצלינג בלייבט זיא שטעהן פערטראכט גלייך וויא זיא דערמאנט זיך אין עפעס—זיא זינגט טרויריג)

אָה, דער ברונען, אָה דער!
און דיא קאטצע, אָה דיא אָה!
זאָללען זיין וויא איך שווער,
עדות צו אונזער שבועה,
אַז ווער נור פון אונז וועט ברעכען דאס ווארט
זייא אליין זאָלען דארט,
פערלאנגען אויפ'ן אָרט
ראבע, ראבע, אין איינעם פאָרט!—

(זיא צו וויינט זיך שטארק און פאלט דעם פאטער אויף דעם האלז,

(אללע קיקען זיך אָן שטוינענד—שולמית רייכט זיך פּלוצלינג אויף פון דעם פּאטערס האנד לויפט ווידער ארום, זינגט)

אַ פּעסטע מויער איז מיין הערץ,

קיינער קען ניט וויסען מיין שמערץ, אוועק,
אוועק, א. ז. וו.

(ביז זיא פּאלט ווידער דעם פּאטער אויפ'ן האלז)

מנוח (בעשטירצט) וועה איז מיר!—וואס איז דאס
געווארען מיט מיין קינד?

זיא איז עפּעס אין גאנצען איבערגעביטען אצינד!

דערצייל מיין טאכטער, אויב דוא האסט מיך
ליעב!

אויב דוא ווילסט ניט דיין טאטען טרייבען אין
גרוב!—

שולמית (פערווירט) איהר ווילט וויסען? וויסען ווילט
איהר וואס איז געשעהן?

איך—טסי!—שאַ—אַ שבועה! ניין—ניין!—

(זיא טהוט א חאפּ איינעם פון דיא בחורים, האלט איהם צו מיט איין האנד און מיט דער אנדערע ווייזט זיא אין דער וועלט אריין, גלייך וויא זיא זעהט עפּעס דארט, און זינגט)

I

דארט אין דער וויסטע וויים,

דאַרט, וויא דיא זון דיא הייסע ברענט שוויהל!

(זיא טהוט איהם א ווארף פון זיך)

שטעהט א ברונענדיל בייא דער זייט,

דאס וואסעריל פליעסט דארט קהיל
(זיא חאפּט אצווייטען)

קיין בלום'ם וויל נישט בעשיינען

דאס וויטע, ווילדע, זאמדיגע פלאטץ!
(טהוט איהם א ווארף פון זיך)

דארט הערט מען מיוקען און וויינען,

א בייזע ווילדע קאטץ!...

(ויא לויפט צו צום פאטער אויף דיא שפּיץ פינגער, גלייך וויא זיא רוימט איין א סוד)

„מיוא” שרייט זיא בייז!—איהר ווילט דעם „מיוא”
פערשטעהן?

אללע מיר ווילען דעם „מיוא” פערשטעהן!

שולמית דאס קענט איהר ניט וויסען, ניין, ניין!
(רייסט זיך דיא האָר)
דעם סוד וויים איך נאָר אליין! יאָ יאָ יאַ! חאַ חאַ חאַ
(פֿאלט דעם פֿאטער אויפֿ'ן האלז און לאַכט)
מנוח (פֿערצווייפֿלט ברעכט דיא הענד) אוי וועה איז מיר!
אללע מיר ווייסען ניט אצונד,
וואס איז געשעהן מיט דעם קינד!—
שולמית (חאַפּט זיך ווידער אויף, שלעפט איינעם ווייטער צו
און וויזט איהם אין דער וועלט אריין)

2.

דיא אויערן מאכט זיא גרעסער,
גלייך וויא זיא שטעהט, און הערט עפּעס אויס!...
און דיא נעגעל, וויא דיא שארפֿע מעססער,
שטעקען וויא שפּיזען אַרויס!
און ראהד איהר ריקען געבויגען;
פֿון איהר מויל הויכט שרעקליכער האַס;
און פֿון דיא ברענענדיגע אויגען,
בליצט אַ פֿייערדיגער כעס!...
„מיוא" שרייט זיא בייז, און וויזט איהרע שארפֿע
ציין!

אללע וואָס איז פֿאר אַשארפֿע ציין?—
שולמית אוי היט אייך, ראהט איך אייך שיין!
אויב איהר ווילט, ס'זאל אייך שלעכט ניט געשעהן!
יאָ, יאָ, חאַ! חאַ! חאַ! א. ז. וו.
שולמית דארט זעה צום ברוננען פֿליהען,
אַ דארשטיג יונגעל—און טרינקט אסך!
ער לייגט זיך אביסעלע רוהען,
און קלעהרט ניט איבער קיין זאך...
אָה!—טהוט אַבליטץ איין אייגעל...
עס שפּרינגט ארום דיא ווילדע קאטץ—
און חאפּט זיין האלז מיט דיא נעגעל,
צו דערווארגען איהם אויפֿ'ן פלאטץ!...

„מיוא" שרייט זיא בייז—„דוא מוזט בייא מיר דאָ
דערגעהן"
„האַלטען מוזט מיר דיא שבועה—איך בין דיין
עדות געווען"!!!
יאָ, יאָ, חאַ! חאַ! חאַ! א. ז. וו.

מנוח (ברעכט דיא הענד און וויינט פערצוויפלענד)
ווערה איז צו מיינע אלטע יאָהרען, וואס איך האב
דערלעבט!
אַז פון מיין קינד זאָל דאס ווערען, ווער האָט זיך
גאר געגלייבט!

שולמית (דיא גאנצע צייט לאכט און וויינט, פליקט זיך דיא
האָר פונ'ם קאפ און רייסט אפ פון זיך דעם מאנטיל, דעם גאז-
שלייער — ענדליך פאסט זיא זיך, געהט צו מיט א שמייכעל צו
אבינדב'ן, און לייגט ארויף אויף איהם דיא האנד)
אָה!—אַפיינער חתן! איהם קאנן איך דארפען,
וויא ער שטעהט און געהט —(מיט כעס) אין ברונען אריין
צו ווארפען!
(זיא טהוט איהם אווארף פון זיך—צולאכט זיך—לויפט צו צום
פאטער, זיא ענדערט איהר פויזע, זיא ציהט אוים גלייך איהר האנד
שפאנט צו מיט מיליטערישע שריטטע צו „יואב גדעוני" שטעלט
זיך קעגען איהם וויא אַסאלדאט, און זאגט צערטליך)
און דוא גרויסער העלד, וואס האסט פעסטונגען
איינגענאממען?
מיך איינצונעהמען, אַזאַ שוואכע פעסטונג, ביסטו
אהער געקומען?
שוואכע פעסטונג? (מיט כעס) ציטטער פאר מיר
דוא גבור!
בייג פאר מיר דיא קניע! (זיא ווייזט אויף איהר ברוסט)
צו דער פעסטונג טרעטסטו אייביג נית צו!
דיר וועט נית העלפען דיין שווערד, שפיז און בויגען!
אהער גיב! איך שטעך דיר אוים דיינע אויגען!
(אינדעם חאפט זיא ארויס פון זיין שייד דיא שווערד, זיא טהוט
איהם א ווארף אין פנים—דיא שווערד פאלט אראפ, זיא לויפט

אוועק לאבענדיג—נאך א קליינע פויזע לאזט זיא זיך צו געהן צו „נתן הכהן", לייגט ארויף אויף זיין אקסעל צערטליך איהר לינקע האנד, און מיט דער אנדערע גלעט זיא איהם פאר דיא רויטע בארד)

און דוא מיין רויט קעטצעלע, ביסט אויך דאָ?
שרעק זייא איבער דיא לייט, מאך זייא, מיוא, באָ!
דערצעהל זייא, אַז א שבועה מוז מען האלטען הייליג
דראפּע זייא! ווארג זייא! גיב זייא אפּ זייער חלק!—

(זיא דראפּעט איהם, ווארגט איהם, צולאכט זיך און פאלט ווידער דעם פאטער אויפ'ן האלז)

מנוח ווער איז מיינע יאהר, וועה איז מיינע טעג!
דערצייהל מיר טאכטער, דערצייהל אַז איך פרעג!
וואס איז דאס מיט דיר? דערצייהל מיין נחמה!
דערצייהל! און נעהם ניט ארוים מיר מיין נשמה! (וויינט)

שולמית — דועט מיט — **מנוח**

שולמית:
אומזיסט איז גאָר דיין
פרעגען,
איך וואלט דיר געזאגט ווען
איך זאל מעגען!
פרעגביים ברונען, אויב
דוא ווילסט נאָר הערען;
פרעג בייא דער קאטצע, זיא
וועט אללעס ערקלעהרען!
פרעג ביים ברונען!
פרעג ביא דער קאטץ!—

מנוח:
אוי, אוי, וויא האלט מען
גאָר דאס אויס!
אוי, אוי, מיין אומגליק איז
דאך גרויס!
וואס איז פאר אַ ברונען?
וועהמען זאל איך הערען?
וואס פאר אַ קאטצע?
וועה איז מיר! וואס וועט
זיא ערקלעהרען?
וואס וועל איך הערען?
וואס וועט זיא ערקלעהרען!
(וויינט)

מנוח טאכטער! אויב דוא פיהלסט נאָר איין ווייניג
ליעבע צו מיר
טוה מיר נאָך דיא לעצטע טובה, בעט איך בייא
דיר!
גראָב מיר אויס א גרוב, לייג מיך אריין אין דער
מינוט!
נאָר נישט צאפּען מיר צו ביסלעך דאס לעצטע בלוט!
(וויינט)

שולמית (פערטראגען) פרעג ביים ברונען!

מנוח אָה! דערויף האבען זיך אויסגעוואָרט מיינע גרויהע האאר,

צו זעהן מיין קינד משוגע?—משוגע! וועה איז צו מיינע יאָהר!

שולמית (אלץ צוטראגען) פרעג בייא דער קאטץ!...

מנוח אָה! דער טאג פון באלייטען, פון דענסטמאהל איז זיא פערלארען,

זייט זיא איז אין דער וויסטע פארבלאנזעט געווארען

זאג! וואס האט דיך געטראפען אַזוינס אויף דיין גאנג?

שולמית פרעג ביים ברוננען!—

מנוח וואס ברוננען? האט דיך ניט געביסען אַ גיפטיגע שלאנג?

שולמית פרעג בייא דער קאַטץ!...

מנוח אַ קאַטץ?—אָה! דיך צו היילען, וועל איך אין עק וועלט לויפען:

איך וועל טהון אללע מיטלען, איך וועל מיך פערקויפען

איך וועל פרעגען רופאים, כהנים אסך קלוגע,

טאמער ווייסען זייא אַ מיטעל, א מיטעל צו משוגע?

שולמית פרעג ביים ברוננען!

מנוח ברונען? קום טאכטער! אז איך לעב איז אגאטעס וואַנדער!

בעט, טאטעס, מאמעס,! בעט, בעט אויף קינדער!

שולמית פרעג בייא דער קאַטץ!

מנוח (פיהרט זיא ארויס, וויינט ביטטערליך—אללע קוקען זיך אום צו דער זייט וואָהין מנוח מיט שולמית'ן זיינען ארויסגעגאנגען דערנאָך וועגדען זייא זיך צו דער זייט וויא יואב גדעוני שטעהט פערזארגט, אראפ געלאזט דעם קאפ—ער לאזט זיך ארויסגעהן טרויעריג, זייא זינגען איהם נאך לאכענדיג)

נאָ! וואס זשע וואַרטסטו נאָך מעהר, מעהר, מעהר?

דוא האסט אייך גאר נישט, קער, קער, קער!

נאָ, וואס זשע שווייגסטו? דוא מזלריגער האָז!
וואס זשע געהסטו אראפּ געלאזט דיא נאָז?
אָט, אזוי שפּיעלט אַ באריהמער אויס!
נאָ העלד גרויסער? געה ארויס! חאַ, חאַ, חאַ!

ניינטע בילד. זיבענטע סצענע.

(שטעלט פאר אבשלום׳ס רייך צימער—אויף א שיינעם דיוואן גאנץ באקוועהם זיצען אבשלום מיט אביגיל׳ן, טרינקען קאפע מונטער פריילין—ציגיטאנג שטעהט צוזשען זייא מיט אקרוג, און גיסט אָן אללע מאהל—ער זינגט אויך און טאנצט, א ב ש ל ו ם מיט אביגיל׳ן זינגען צוזאממען:)

גערענקסטו זיסער (זיסע) וויא איך האב דיך געחאפּט
יאָ, מיין טהייערער(טהייערע)איך האב דיך דערטאפּט
לעבען אין נחת, און אין פריידען,
אין דער אמת׳ן גן עדן,
האבען מיר אליין!
זיין געזונד און פריילין,
זענען מיר אליין!
דערצו אקינד וויא אבן מלך,
דאס האבען מיר אליין!
האט אונז גאט באשעהרט, אי אקינד אי געזונד,
קלונג במילא,
אזא יאהר אויף אונז לאמיר זינגען אמן סלה!

(אללע זינגען, ציגיטאנג זינגט אויך און טאנצט—זייא לאבען אללע פערגעניגט—ציגיטאנג זעהט וויא אבשלום מיט אביגיל׳ן קושען זיך, קומט אריין אין דערמיט)

מיר אויך אזעלכעס!

אבשלום ער וויל נור אזעלכעס! האסט זיך אפּנים
וויא אשווארץ יאהר
דיר אויך, געבען כלה, אז דוא ווערסט ווערען וויס,
קלאהר!

ציגיטאנג חע, חע! איך ווער וויס, איך ווער קלאהר!
איך האבען כלה, איך שווארץ יאהר! (ער טאנצט ארויס

אבשלום נאָ וואס זאגסטו, מיין ליעבע אביגיל?

איאָ מען דארף ניט זארגען, מיין טהייערע אשת חיל
געדענקסטו פֿאר איאהרען נישט היינט געדאכט;
דאס אומגליק וואס האט זיך מיט אונזער ערשטעס
קינד געמאכט,
וויא אקאטץ האט עס אין וויגעלע דערוואָרגען!
(אביגיל טהוט א זיפֿץ)
נאָר נישט געקרעכצט, וואס טויג דאס זארגען;
גאטט האט געגעבען, גאטט האט גענומען;
גאטט האט ווייטער געגעבען אט האסטו א סימן;
דען וואס פֿעהלט דען עפעס אז מ'האט אזא מלאך
וויא דוא?
מיר זענען יונג, מיר האבען זיך געטרייסט, נאך וויא!
אקאראט צום יאהר זינט מיר האבען יענץ פֿארלאָרען,
האסטו מיר נאך אשענערס, א געזונטערס געבאָרען!
אביגיל גוט וואס דוא האסט מיך דערמאנט! ווא איז
דאס קינד?
אבשלום מיר דאכט ס'איז מיט דיא נאם אין גארטען
אצינד
אביגיל צינגיטאנג! (צינגיטאנג לויפֿט אריין דאס פנים איינ-
געשמירט מיט מעהל)
צינגיטאנג איך שוין חתן, איך וויס, קלאהר,
מיר גיב כלה, מיר שווארץ יאהר!
אבשלום נאַ אצונד האסטו שוין אכלה, האסט ליעב
דיא נאַם?
צינגיטאנג (טאנצט) אָה, אָה! ליעב, האַם, האַם!
[ער פֿאלט זייא צו דיא פֿוס און קישט זייא)
אביגיל נא געה רוף אריין דיא נאם, דוא שווארצער רוח
צינגיטאנג נע, נע מיידעל, איך ווייסער רוח!
אביגיל נאָ ווייסער! לאז זיא אריין ברענגען דער
מאמען דאס קינד גיך!
צינגיטאנג איך נעם קינד, איך געה, איך!
ברענג, רוח מאמען, קינד גיך! (ער טאנצט ארויס)

אביגיל נאָ געה שוין געה, דוא ווילדע זאך!
ווען וועסטו איהם שוין אוים לערנען רעדען גלייך?

אבשלום וואם אַארט דיך! ער אונטערהאלט מיך סאַי
וויא סאַי!

דערצו איז ער עהרליך בטבע, און מיר זעהר גיטריי
זיין ליידענשאַפט איז נאר כלה, נאָ האט ער שוין
דיא נאָם,
דאָ וועט זיין א ליעבע צום טויט לאכען מן הסתם!
(ער לאכט)
איך זאג דיר, אז איך דערמאָן מיך אין יענער צייט,
האלט איך מיר פֿאַר לאכען נאך יעצט בייא דער זייט
(ער לאכט)
געדענקסטו איידער מיר זעננען געווארען חתן כלה,
אין וויינגארטען, וויא מיר האבען זיך
אונטערהאלטען אללע,
וויא איך האב אפגענארט חנניה'ן און דיך אוים
געחאַפּט געשווינד!...
(דורך דעם צו להכעים ביסטו מיר באשערט טאקע
אצינד)
וויא ער האט זיך געשמיצט פֿאַר כעס וויא
אַפּיפּערנאָטער,
אז ער האט פלוצלונג ארומגעחאפט גאָר דעם
שווארצען קאָטער, חאַ, חאַ, חאַ

זייא צו לאכען זיך ביידע, אינדעם דערהערען זיי פֿון וויטענס
ציגגיטאַנגס שטיממע, ער ריטשעט וויא א בהמה און וויינט—זייא
ווערען איבעראשט און הערען זיך צו)

אביגיל וואס רעוועט עפעם דאס ווילדע טהיר?
(ציגגיטאַנג קומט אריין וויינענד)

אבשלום ווער האט דיר עפעם געטהון? וואס איז
געשעהן מיט דיר? (ציגגיטאַנג וויינט)
זאג שנעלל! רייד ארוים איין ווארט! (ער וויינט)
זאג, ווארען איך טוידט דיך דאָ אויפֿ'ן ארט!—

ציגיטאנג פיצעלע—וויין—פיצעלע—וויין—האם!
אָה, אָה, וואססער—אָה, באַם באַם! (ער וויינט אלין)

אבשלום וואס פאר אבאַם?—

ציגיטאנג באַם, באַם! (ער ווייזט מיט דיא הענד אויף דער ערד, אינדעם לויפט אריין)

אכטע סצענע.

דיא נאם (ברעכט דיא הענד) איין אומגליק, מיין ווירטהין איך בין פערלארען!
עס האט זיך אויסגעגאסען אויף אונז גאטטעס צארן!
איך שטעה אין גארטען, זעהן וויא מען באגיסט איהם אצינד,
און וויא איך שטעה נעבען ברוננען, און אויף דער האנד דאס קינד;
האט זיך דאס פלוצלונג אוים געוועכנעט פון מיינע הענד;
און איז אריין אין ברוננען אין דעם מאמענט!—

אביגיל גוואלד מיין קינד!—וויא?

אבשלום מיין קינד—אַך! (ער פאלט אהנמעכטיג אויף דעם דיוואן)

דיא נאם דארט—דארט—ס'איז טויט!

אביגיל ארויסגעהענדיג) אָה! רופ מיר דיא קלאג מוטטערס צו מיין נויט
(זיא מיט דער נאם געהן ארויס)

צעהנטע בילד. ניינטע סצענע.

(אבשלום ליגט אויף דעם דיוואן אין קאנוואלסיווער בעוועגונג, צו צייטען הערט מען פון זיין ברוסט א טיעפען זיפץ—דיא מוזיק שפיעלט דיא מעלאדיע פון דער שבועה שטיל—אין דער מינוט, פון דער וואנד עפפענט זיך א טאבלאה. אונטער א בלויען גאז מיט מאנדליכט בעלייכטעט זעהט מען איין בילד: דעם ברוננען, נעבען איהם דיא קאטץ, שולמית זיטצט אנגעשפארט טרויריג ביים ברוננען און קוקט אויף דער קאטץ—זיא האלט זיא ארום—אויבען שטעהט א מלאך, מיט איין האנד ווייזט ער אויף דעם בילד, מיט דער אנדערער ווינקט ער צו אבשלום'ן ער זאל קוקען)

אבשלום (פערווירט) האַ!—וואס איז דאס? א מלאך!
ער ווייזט מיר!

וואס ווייזט ער?—א ברוננען...אַ קאטץ...אמעדבען
נעבען איהר!

שטעהט טרויריג!...וויינט!...ווער איז זיא?...זיא
ווייזט אוים בעקאנט?...

האַ? (מיט א ווילד געשרייא) שולמית! (שטיללער) האַ!
דער מאמענט! (דאס בילד מאכט זיך צו)

יעצט איז שוין רעכט!—דיא ווילדע קאטץ!—
דער ברוננען!—

ביידע זעננען עדות—יעצט קומט מיר אויף דעם
זינען!...

זיא פֿאדערט ראכע?—אָה דיא שטראפֿע איז צו
גרוים!

און אביגיל?—ניין! איך האלט עס ניט אוים! (פויזע)

דאס איז א פֿינגער פֿון גאטט—דאס איז זיין נבואה

אַה, געטרייע שולמית! דוא ביסט אלץ גיטרייא
דער שבועה!

דוא פֿאדערסט נקמה פֿון מיר?—איך זעה, איך זעה,

דוא פֿאדערסט מיך צום משפט!—איך געה, איך געה!

(ער וויל זיך לאזען געהן טהוט ער א ציטטער און חאפט זיך צוירק,
וייל ער דערהערט דאס קול פֿון דיא קלוגווייבער וואס קומען אריין)

צעהנטע סצענע.

קלאגווייבער שרייט זשע ווייבער מיט מיר אין איינעם
א יאממער א קלאָג!

אזא אומגליק זאל זיך טרעפֿען, צווייא אין איין טאג;

שלאָג זשע זיך אין קאפּ אריין, שלאג!

אזא אומגליק, אַזאַ צרה, אַזאַ וועהטאָג, אַזאַ פלאָג;
צווייא אין איין טאג!

אויף דיא קעפּ, שיט אַש אייך ווייבער!

טהוט אייך אָן זעק אויף דיא לייבער;

רייסט דיא האָאר אַזוי!...

אַזאַ אומגליק, אַזאַ צרה,אַזאַ וועהטאָג, אוי, אוי,

צווייא אין איין טאג

(דיא ווייבער פאסירען דיא ביהנע אביגיל טהוט א פאלל אויף דעם דיוואַן—דאָס פנים פארהילט מיטביידע הענד און ווײנט שמערצליך—פויזע!—אביגיל האַפּט זיך אויף ברעכט אויס מיט א געוויין)

אביגיל אה, גרויסער גאָטט! און וואס שטראפסטו מיך אזוי שווער?

וואס האב איך אזוינס געזינדיגט? אָה גרויסער הערר!

אבשלום בערוהיג דיך מיינע טהייערע—אמת ס'איז זייער שלעכט,

נאר גאָטט און זיין משפט איז תמיד גערעכט!

נישט דוא ביסט שולדיג אין דעם אומגליק, ניין!...

אביגיל אָה, אַזא צרה האט קיינעם ניט געטראָפען, נאר מיך אליין!

וואָ האט מען נאך געהערט, אזא ווייטאג, אזא פּלאָג;

צוווייא קינדער זאלין שטארבען—אלץ אין דעם זעלבען טאג!

דאס ערשטע פון דער קאָטץ דאס צווייטע פון דעם ברונען

קיין אנדער וועג האט דער מלאך המות צו זייא ניט געפונען?

אָה, אזא צרה איז דאך נאך בייא קיין מוטטער פערלאָפען!

נור בייא מיר, וועה איז מיר! מיר האט עס גיטראָפען!

אבשלום גאָטט'ס משפט איז רעכט, מען דאַרף זיך ניט קלאגען!

אביגיל פאר וואס קומט מיר דער משפט? וואס קומט מיך צו פלאגען?

וואס האבען זייא געזינדיגט? ווען וועסטו דערציילען!

דיא צוווייא אונשולדיגע מלאכים, דיא צוווייא יונגע זעעלען...

(זיא פאלט איהם אויפ'ן האַלז און ווײנט.)

אבשלום אָה, גענוג שוין אביגיל! עס איז שוין נישט צום אויסהאלטען!

הער אויף מיט דיינע ווערטער מיין פערוואונדעטע הארץ צו שפאלטען!

עס איז גענוג צעררייסען פון גאָטס גיפטיגע פפיילען

איך, יאָ—איך בין ווערט אללע מארטערן און קוואהלען!

אַזאַ טרייא ליעבענד הערץ וויא דיינס, אונשולדיג
און פיין,

האט ניט פערדינט צו האבען אזא זינדיגען מאנן!...

וואס איז פאלש, און קען ברעכען איין היילינע
שבועה!...

יאַ, איך בין דיר מודה,דוא געטרייע, דוא צנועה!

פערציייה מיר! דען נישט דיר געהערט מיין הערץ,
מיין לעבען;

ווייל שוין לאנג האב איך עס איין אנדערער
אוועק געגעבען!

אביגיל (ערשראקען) וואָס? וואָס הער איך? וואָס
רעדסטו אבשלום?

רעדסטו ניט פונ'ם שלאף? איז דאס ניט אַ חלום?

אבשלום ניין!—ס'איז קיין חלום! ליידער איז אמת
וואס איך זאג!

צווייא יאהר איז פערגאנגען (איך געדענק נאך
דעם טאג;)

וויא איך בין מיט מיין קנעכט אויף דעם וועג געוועזן,

און האָב מיך געלאָזט קיין ירושלים אהיים צו געהן.

דער דארשט האָט מיך געברענט—איך קום צו
צו א ברונען,

איך דערזעה—צו מיין שרעק—א מיידכען דארינען!

זיא האט פערבלאָנזעט אין דער וויסטע און
אהין פערגאנגען,

ווען איך נעהם זיא ניט ארויס וואלט זיא גיוועזן
דארט דערגאַנגען.

איבערראשט פון איהר חן, און וואס איך האב איהר
גערעטעט דאס לעבען;

האבען מיר זיך בשבועה אויף אייביג דיא הערצער
געגעבען...

און פאר עדות אז קיינער זאָל ניט ברעכען דאס
ווארט

איז געוועזן אַ ווילדע קאטץ אין דער ברונען דארט...

אביגיל גאָטט, וואס הער איך!

אבשלום אָה, דוא פֿערשייטע קינדהייט, דיא
אונבעזאָרגטע יוגענד!
קענסט מאכען פֿון האניג—גיפֿט,אַ זינדע—פֿון
דער טוגענד!
בערוישט פֿון דעם שארפֿען געטראנק, פֿון ציון׳ס
פֿרייליך געדידער;
פֿון דעם יום־טוב׳דיגען רעש,—דער יונגפֿרויען
שיינע ליעדער;
האט מיך פֿארכישופֿ׳ט אין גארטען, דיין געטליך
שיינע פֿיגור;
אַז איך האב אין יענער שבועה פֿארגעססען אין
גאנצען גאר!
זעה וויא גאטט שענקט ניט, אַז מען שווערט אין
זיין נאמען דארט!...
ער האט געשיקט זיינע עדות מיך דערמאנען אין
מייןווארט—
זייא ניט בייז מיינע טהייערע, מעסיג דיין געוויין!
(ער נעהמט אַן איהר האנד)
דיא תשובה פֿון דעם חוטא נעהמט אן אויך גאטט
אליין!—
אביגיל (צומישט רוקט זיך אפּ פֿון איהם) אזוי—אזוי!
האט׳ס הייסט׳ס מיך געטראפֿען!—
אָה, אויף אזא שלאג האב איך ניט געקענט גאר
האפֿפֿען...
אזוי!—איז עס אמת? מעג איך׳ס מיר שוין גלייבען;
אַז דיין הערץ האסטו איין אנדערער שוין פֿריער
אוועק געגעבען?
געגען יענער האסטו געזינדיגט? זיא מוז ראבע
פֿערלאנגען?
און געגען מיר האסטו נאר אפֿעהלער בעגאנגען?
פֿאר גאטט פֿיינסטו זיך אויס מיט דער תשובה?
ס׳איז ניט שלעכט!...
ניין מיין טהייערער! גאר ניט פֿאר מיר ביסטו
גערעכט!
אזוינע בעלי תשובות האט גאט פֿיעל! ער שטעהט
ניט אין דיר

און איך האב אויף דער וועלט נאר דיך—נאר
איינער ביסטו בייא מיר!...

נאר דיך האב איך געקענט,און קענן, און וועל
אייביג קעננען!

דעם ערשטען פונק דער ליעבע האסטו אָנגעצונדען
אין מיר, ער זאל ברעננען!...

צווייא יאהר האלטסטו אויף דאס פייער אין
שטארקע הייסע פלאממען;

ביז אונזערע הערצער זענען געווארען צונאויפ־
געשמאלצען צוזאממען,

אין דעם טיגעל פון ליעבע, טרייע, און נאטור!...

ווילסטו איהם דען מיט איינמאל אליין צוברעכען
גאר?

ווילסט זעהן וויא מיין צוגאסען הארץ רינט בלוט
און הייסע טרעהרען?

ניין, גוטער אבשלום! אזוי שלעכט קענסטו ניט
ווערען!—

אָה! ניט אזוי גרינג קען מען צורייסען אזא קנופ
אזא געזונדען;

וואס געוואנהייט און ליעבע האט צווייא הערצער
פערבונדען!

אה ניין! אזא טרייע אביגיל געפינסטו ניט צווישין
ווייבער!

דאס שוועֶר איך דיר בייא אונזערע קינדערס
טויטע לייבער!—

אבשלום אָה, מיין טייערע! גלייב מיר, אַז אַזוי וויא
דיר קומט אן שווער

פון מיר זיך צו שיידען—איז מיר נאך ערגער—
מעהר—

וויא גוט איז מיט דיר צו לעבען אין נחת און אין
פריידען!—

וויא שלעכט וועט אונז אבער זיין, ווען איבער
אונזער גן עדן

וועלען אייביג הענגען שווארצע וואלקען פון
שווערע קללות...

אנגעפֿוללט מיט דאנגערענדער ראכע, שטראף,
און יללות!

אז דעם לויטערען הימעל פֿון גליק וועלען מיר
ניע ערבליקען...

ניע וועט אונז דער מילדער שטראהל פֿון פֿריעדען
דערקוויקען!...

זיא וועט ניט דערלאזען דיא עלענדע, יאָ זיא!—

דיא אומגליקליכע, וואס איך האב זיא געבראכט דערצו!

זעהסטו וויא זיא פֿאדערט שוין ביים שופט איהר
רעכט—אונ מיט רעכט

און ביז איך וועל ניט געהן זיא מכפר זיין—וועט
אונז אייביג געהן שלעכט!—

אביגיל (נאכדענקענד) געה—(ענטשלאסען) געה!

(ער וויל געהן, זיא האלט איהם צוריק פֿעסט

ניין, אבשלום! ניין, דוא קענסט ניט געהן!

וועסט דיין אביגיל ניט פֿערלאזען, ניין,—אָה ניין!

האסטו אויף מיר קיין רחמנות, וועל איך רחמנות
נאך געפֿונען!

שטעה אויף דערוואַרגען קינד, און דוא טויט'ס
פֿונ'ם ברוננען!

רופֿט צוריק אייער טאטען, ער וויל אויף אייביג
געהן!

און אייערע אונגליקליכע מוטטער וויל ער לאזען
דאָ אליין...

לאזט איהם ניט אוועק!—איהר קענט אויך אייער
רעכט פֿערלאנגען;

ווייל דורך איהם זענט איהר יונג פֿון דער וועלט גיגאנגען

אבשלום (פֿאלט איהר אריין אין דיא רייד) גענוג!

(טיעף בעוועגט) אָה שטארקער גאטט, גיב מיר כח געשווינד

איך זאל קענען דעם מארטער איבערטראגען אצונד

שטעל מיך אונטער דעם שלאקסרעגען פֿון
גיפֿטיגע פֿפיילען;

שטעל מיך הינטער דער פֿעסטונג געפֿעהרליכע
זיילען!

דיא גרעסטע געפאהר פון דער מלחמה איז מ׳ר
פיעל ליעבער
נאָר שטעל מיך ניט צו אזא נסיון—דא איז שווער
צו זיין אַ גבור (פויזע)
(געלאסטען) גוט, איהר האט רעכט! איהר האט אללע
דורך מיר געליטען!
יאָ! און איך שטעה וויא איין פעראורטהיילטער
צווישען אייך אין מיטען;
איך בין מודה אליין—מיין חטא קען מיר קיינער
ניט פערגעבען;
איך—איך מוז מיר אליין יאָ מיין משפט ארויסגעבען
קיין אנדער מיטעל זעה איך ניט!—יאָ! גענוג
געוויינט, גערעט...
קום שארפע פעדער! שרייב דיר אונטער דיין
דעקרעט!...
(ער חאפט ארויס דיא שווערד און וויל זיך שטעכען)
אביגיל (חאפט איהם אָן בייא דער האנד)
שטעה! נאָר דאס ניט! איך לאז דיך יעצט פרייא!...
פערצייה מיר טהייערער, איך בעט דיך, פערצייה!
פערצייה דעם הערצען, וואס האט דיך אזוי פיעל
בעטריבט!
וואס איז דאס שולדיג אז ס׳האט דיך אזוי שטארק
געליעבט?
עס איז מיר שווער געוועזן פריהער, איך האב ניט
געקענט...
נאָר יעצט—יעצט איז מיר שוין גרינגער...אָה!
אין דעם מאמענט!...
דוא קענסט נאך לעבען, ס׳איז שאדע—זעה מיין
ליעבע איז גרעסער
איך ווינש דיר אללעס, וואס דיר קען מאכען בעסער
געה, רייניג דיר דיין שולד! נעהם אויף זיך קיין
סכנות...
און אפשר איז באמת אויף יענער אויך א רחמנות...
און איך— (זיא טהוט א זיפץ) ביז אין מיין טויט מאך
איך מיר צום נדר:

מייגע טעג נאר אין הייליגע תפילות צו פֿאר־
ברענגען כסדר;
פֿאר מיר, פֿאר דיר, און פֿאר דיא נשמות פֿון
מיינע קינדער! (זיא וויינט)
געה דיר געזונדערהייט אבשלום!—געה—גיך—
געשווינדער!
זייא פֿאללען ביידע איינס דעם אנדערן אייפ׳ן האלז און וויינען—
ענדליך וועקט אויף אבשלום׳ן דאס געוויין פֿון דיא קלאָגוויייבער—
ער חאפט זיך אויף און לאזט זיך לאנגזאם ארויסגעהן)

אביגיל (פֿאלט אויף דיא קניע) יאָ, גרויסער גאָטט!
פֿערבארגען זענען דיינע וועגען!
מיר זינדיגע, טאָרען אויף זייא קיין קשיות ניט
פֿרעגען!—
(זיא פֿערהילט דאס פנים און וויינט, דיא קלאגוויייבער מיט זייער
פֿריערדיגעם ליעד קעהרען צוריק, און אז זייא קומען צו אביגיל׳ן
נעהמט איינע פֿון זייא אַ זאק און טהוט איהר אָן, און אזוי מיט דעם
קלאנגגעזאנג פֿיהרען זייא זיא ארויס לינקס)

עלפטע בילד. עלפטע סצענע.

(שטעלט פֿאר דאס ערשטע בילד פֿונ׳ם דריטען אקט—נאר אויף דער
ערד ברענט א פייער און עס קאכט זיך עפּעס אין א קעססעל—
ארום דעם פֿייער זיטצען דיא פאסטיכער פֿון בית לחם,—א טהייל
פֿייפֿען אויף פֿייפֿעלעך, א טהייל זינגען צו—דיא נאכט איז אויס־
געשטערענט, דיא לבנה שיינט, דיא פאסטיכער זינגען:

1.

דער וואלף דער יונגער   שלאָפֿט ניט
פֿאר גרויס הונגער   שלאפֿט ניט,
אויף אציגעלע א גרויס וואס   שלאפֿט ניט,
קוקט ער ארויס   און שלאפֿט ניט;
ציגעלע, פֿאַר וואָס   שלאָפֿסט ניט?
אַארט דיך דאָס   און שלאָפסט ניט?
אַ סימן האָסטו דאָך   שלאָף ניט!
אַז דיין פאסטוך   שלאָפֿט ניט!—

2.

דער בייזער טיגער   שלאָפֿט ניט,
טהוט נאָך קליגער   און שלאפֿט ניט,

ער ברומט ניט ווען ער שלאָפֿט ניט,
חאַפּען קען ער ווייל ער שלאפֿט ניט.
דאָס שעפּעלע שרעקט זיך און שלאָפֿט ניט
מיט מורא וועקט מיך „שלאָף ניט„
פֿאר וואס בארוהט דוא שלאפסט ניט?
איך היט גוט און שלאָף ניט! —

3.

און יענע חיה שלאָפֿט ניט...
איז זיך מחיה און שלאָפּט ניט
גלאַנצט דאס אויגעל שלאפט ניט
שאַרפֿט דיא נעגיל שלאָפּט ניט!...
נישט קשה, לייבען! שלאפט ניט!
איך וועל אייך געבען „א שלאפט ניט",
געדיינקט נאָר גוט! און שלאָף ניט!
אַז דער פאַסטוך היט און שלאָפט ניט!—.

עובדיה איהר האט געהערט קינדער, וואס האט זיך פֿערלאפֿען?
וואס האט זיך יענע נאכט ביים שכן געטראפֿען?

עזריעל פֿון דעם טיגער מיינסטו? וואס האט יענע נאכט
ביים שכן אין דער טשערעדע אזא רעש געמאכט?

עובדיה דער פאסטוך מעג גומל בענשען, וואס איז אזוי גליקליך
דער טיגער וואלט איהם גיוועין צוריסן אויף שטיקליך!
ווייל ס'איז ניט איינער—א גאנצע מחנה געווען...
אליין וואלט ער אייביג ניט געקענט באשטעהן!
מיר האבין פֿין דער ווייטענס געהערט דעם געוואלד
האבען מיר דיא בויגענס אנגעשפאנט באלד;
עטליכע האבען אונזערע פֿיילען געטראפֿען
און דיא איבריגע טיגערס זעננען זיך צולאפֿען—

עזריעל (קוקט זיך אום) שאט! איך זעה עפעס רוקט זיך פֿון ווייטען!

עובדיה (קוקט זיך צו) עס דאכט זיך דיר אוים! עס איז אַ שאטען!

עזריאל עס בעוועגט זיך דאך עפּעס...און אללע מאהל מעהר!...

(אללע הייבען זיך אויף)

דאכט מיר עס רוקט זיך נאך נעהנטער אהער!—

איינער יאָ, איך זעה אויך! קינדער טראכט ניט קיין סך;
גרייט אָן פייל און בויגען און שטעהט אויף דער וואך

(אללע קוקען אין דער רעכטער זייט)

עובדיה נאָ, פרעג איך! זענט איהר ניט קיין נאַראָנים?
עס איז מענטשין! איך וועט מיט אייך! מיט אללע סימנים!

עזריאל יאָ, איך וועט!—

עובדיה—נאָ לייג איין דיין רויטע קוה!
און אז איך וועלל געווינען? קינדער שלאגט צו!—

איינער איך זעה אויך מענשען—זייא זעננען צווייא...
זייא לאזען זיך צו געהן אהער!—אָט זעה!

עובדיה אַנאָ עזריעל, אַנאָ קוק דיך צו!
נאָ? וואס זאגסטו יעצט?—אהער גיב דיא קוה!

צוועלפטע סצענע.

(אבשלום מיט זיין קנעכט קומט אריין רעכטס—בייגט זיך פיר זייא)

אבשלום עס זעגענט אייך ברידער, דער אלהים חיים,
איך בין א וואנדערער, איך געה פון ירושלים
איך בין א יוד מיין נאמען איז אבשלום!—

אללע השלום לך, ארח, שלום לך—שלום?—

אבשלום קיין בית לחם איז מיין וועג, זאגט עהרליכע לייט
האב איך נאך ביז אין שטאט אריין צו געהן עפּעס וייט?

עובדיה זיי געבענשט פון גאט! יאָ, ס'איז נאך וויט אהין!
זעטץ דיך מיט אונז דא דערוויל אויסרוהען;
עס איז יעצט שפּעט, בלייב דא ביז אין דער פריה!
און מארגען שטעללען מיר דיך קיין בית לחם צו!
דערוויל בעטען מיר דיך זאָלסט אונז ניט אפּזאגען,
טהייל מיט אונז אונזער נאכטמאָהל וואס מיר פאַרמאגען!—

ציגיטאנג עסע, עסע, אָה!

אבשלום דאס איז מיין קנעכט דער ווילדער, מיין געטרייער היטער!

איהר מעגט איהם געבען קאכען, ער איז אקאך א געניטער!

(זייא ווייזען איהם אן צום טעפּעל וואס קאכט זיך—ציגיטאנג שפּרינגט פרייליך צו, דרעהט מיט׳ן לעפעל, בריהט זיך אפּ און שרייט—נאך א לאנגע פּויזע ווענדעט זיך צו זייא)

אבשלום קענט איהר מיר זאגען—האַ! ס׳איז מיר אראפּ פון מוח!

איינעם, איינעם אין בית לחם מיט זיין נאמען, יאָ, מנוח!

עזריאל ווער? מנוח? דער אלטער? אה, איהם קען א קליין קינד!

עס קלינגט מיט איהם דאס גאנצע שטעטיל אצינד!

אבשלום וואס איז אזוינס?

עובדיה אויף איהם איז אויסגעגאסען געביך דער צאָרען פון גאָטט;

איין און איינציגע טאָכטער האָט ער גיהאַט—

אבשלום (אונגעדולדיג) איז וואָס? נאָ נאָ—זיא לעבט?—

עובדיה הלואי וואלט זיא ניט געלעבט, וואלט געווען פאַר איהר בעסער;

דאס אומגליק איז אבער נאך גרעסער און גרעסער

וואס זיא לעבט, און מוטשעט זיך געביך, ס׳איז אַ רחמנות;

זיא איז משוגע! שלאגט, פילדערט, שרייט מיט סכנות!

איהר משוגעת איז נור עפּעס: קאטץ, ברונען!—

נאך ביז יעצט האט זיך קיין רופא געפונען,

ער זאל זיא קענען פון דעם משוגעת אויסהיילען!

איהר ציטערט? וואס? עס שרעקט אייך מיין דערציילען?

אבשלום (וויינט) אה שולמית! אָה געטריי אונשולדיג קינד

איך בין שולדיג אין דיר, און מיר ליגט דיא זינד!

דוא עהרליכער מלאך!—אַראָם הייסט געטרייא

יאָ! איך בין דער רשע, איך געשטעה׳ם פרייא!

צו וועניג האסטו מיך בעשטראפט, גאטט גערעכטער

טויט מיך! איך בין דער רשע! איך בין דער שלעכטער

(אללע קוקען איהם אן שטוינענד וויא ער וויינט)

גוואלד! יודישע קינדער, איך בין פערלארען!

(ער וואנקט—זייא חאפּען איהם אונטער)

אבשלום (פֿאר זיך) אזוי פֿיעל נפשות האבען אונשולדיג געליטען איבער מיר!

ווארט שולמית! דיין בעל תשובה לויפֿט קניען פֿאר דיר

(ער וויל לויפֿען—זייא האלטען איהם צוריק)

עובדיה מיר בעטען דיך ליעבער מענש דוא זאלסט אונז זאגען,

וואס ביסטו עפּעס אזוי שטארק צוטראגען?—

אבשלום (געלאַססען) גאר ניט! איך בין ארופא, איך קען זיא קורירען;

קענט איהר מיך ניט יעצט צו דער קראנקע פֿיהרען?

עובדיה ניין! יעצט איז שפּעט—זיא שלאפֿט, מען דארף זיא ניט שטערען!

נעכטיג דא איבער און מארגען אז ס'ועט טאג ווערין

וועל איך אליין מיט דיר געהן דיא בשורה אנזאגען!

דערוויל רוה דיך אויס, און זייא ניט צו טראגען,

טרינק פֿרישע מילך, עס וועט דיר ערפֿרישען דיא גליעדער

און פֿארטרייב דיין מרה-שחורה מיט אונזערע ליעדער

(אללע לייגען זיך אויס אויף דער ערד נעבען פֿייעריל—אבשלום אין דער מיט, טרינקט פֿון א קריעגעל מילך וואס א פאסטוך האט איהם צוגעטראגען—ציגגיטאנג קאכט אליץ—בריהט זיך אפּ, שרייט אונטערהאלט זיך מיט דיא פאסטוכער—טהייל פֿון דיא פאסטוכער שפּיעלען אויף פֿייפֿעלעך, און א טהייל זינגען)

כאהר פלאקער, פייעריל, פלאקער!

קנאק אונז פֿרייליך צו,

לייכט אונז צו ביז אין דערפֿרי;

דער בויער רוהט ביין אקער

דער פאסטוך—ביי זיינע פיה

יעדען איז ליעב זיין מיה.

1.

איינער לייגט זשע צו האָלץ!—

מיר מעגען זיין שטאלץ,

פֿרעהליך טאנצען אין קאָן

וייל פאסטוכער אליין,

זענען דאך געוועזן

אונזערע אבות פֿון אייביגאָן!

קאהר פֿלאַקער פֿייעריל א.ז.וו.

2.

איינער דאס פעלד איז אונז ליעב

דיא לופט אין דער שטוב

חלעבען איז אומגעזונד;

דאס דערציילט אייך אלדינג,

אייער אייגענע לונג,

אז זיא באקומט נעביך

דיא קראנקע וואונד!...

קאהר פֿלאַקער פֿייעריל א.ז.וו.

3.

אײנער די גרויסע שטאָדט,
שאָט אַסאַך, שאָט!
דער חשק דיא דאגה,
דער וויין!

דער טריקענט דעם כח...
דיא דארט דער מח...
דער טרייבט יונג אין
דער ערד אריין!

קאהר פּלאַקער פּייעריל א.ז.וו.

(דאָס לעצטע קאהר זינגען זיי שוין האלב שלאפענדיג—זיי בויגען איין דיא קעפּ און ווערען ענטשלאפען—גאר וויא אווידערקול הערט מען נאָך דאָס פּייפּעלע—דיא לבנה פערגעהט אין נעבעל—פון איין זייט הייבט נאָר וואָס אָן צו טאָגען)

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.)

פירטער אקט.

צוועלפטע בילד. ערשטע סצענע.

(שטעלט פאר דאס איינפאכע צימער פון דעם אלטען מנוח—אויף א קליינעם דיוואן ליעגט שולמית: קרענקליד, שוואך, צו צייטען רייסט זיך ארויס פון איהר ברוסט אַ שווערער זיפץ—נעבען איהר אויף אַ קליין טישעל שטעהט א קאניץ און צאנקט, אייניגע רפואות שטעהן אויך דארט—מנוח זיצט בייא איהר צו קאפענס טרויריג ווישט ער זיך דיא אויגען—ער הויבט אויף דיא הענד צו גאט און וויינט)

מנוח גאטט זעה אליין! ווען דוא ווילסט דא גאר
געווינען?

גאטט, זעה אליין! וועמען צו מוטשען דוא האסט
געפונען?

וואָס איז דער מענש?—אביסעל שוים;
וואס בלאזט אוועק דער קליינסטער ווינד!...
וואס איז זיין לעבען?—אַ קורצער טרוים;
וואס ווערט פערפלויגען גיך און געשווינד!—
גאטט זעה אליין! ווען איך האב געזינדיגט פאר דיר!
גאטט זעה אליין! וויא איך בעט דיך, זייא מיר מוחל,
זייא מיר!

נעהם אראפ פון מיר דיין שווערע האנד,
זינדיגען וועל איך שוין נישט מעהר!...
אויסהאלטען בין איך אומשטאנד;
אוי!—דיין שטראף איז דאך זעהר שווער!— (פויזע)

שולמית (טהוט א קרעכץ) אוי—

מנוח אוי איז מיר און וועה! טאכטער, ביסט אלץ פֿארטראגען?

וואס פֿעהלט דיר? ווילסט אלץ דיין טאטין ניט זאגען

שולמית ברענג מיר, גוטער טאטע, אביסעל וואסער אַהער!

עס טריקענט מיר אין מויל, דיא ברוסט ברענט מיך זעהר!

מנוח איך וויל דיך אבער ניט איבערלאזען אליין:

שולמית האב ניט מורא, טאטע! עס וועט גאָר נישט געשעהן!

מנוח וועסטו שוין אבער רוהיג זיין זאל איך דיר גלויבען?

שולמית זייא רוהיג!

מנוח רוהיג? איך געה! וועה איז צו מיין לעבין! (אפּ)

....

צווייטע סצענע.

שולמית (אליין זיננט ליגענדיג, מיט אגאנץ שוואכע שטיממע)

גאטט זעה אליין! וועמען דוא ווילסט גאר געווינען!

גאטט זעה אליין! וועמען צו מוטשען דוא האסט געפֿונען? (א זיפֿין)

וואס איז דער מענש?—אביסעל שום!

וואס בלאזט אוועק דער שנעלסטער ווינד!

וואס איז זיין לעבען? אשנעללער טרוים;

וואָס ווערט פערפֿלויגען גיך און געשווינד

(זיא קרעכצט און הילט איין מיט א געוויין איהר פנים אין קישען)

אבשלום (עפֿענט פֿון דרויסען דאס פֿענסטער און קוקט אריין נייגיריג)

דאָ וואָהנט זיא! אָה גאטט, דאס איז זיא?!

אַך, וויא פֿערענדערט! (ער וויל הויך רעדען און האפּט זיך צוריק) ניין; צו שנעל, צו פֿריה!

דיא איבערראשונג קען זיא נאך קרענקליך ערשרעקען

עס קען איהר נאך שאַדען, לאנגזאם מוז מען זיא וועקען...

לאמיך צו הערען וואס ליגט אין זיננען בייא איהר...

צי דערמאהנט זיא נאָך מיך? וואס דענקט זיא פֿון מיר? (ער הערט זיך אונטער)

שולמית אַ חלום! יאָ אַחלום! אלללעם איז יעצט שטיל ארום מיר!
איך האב יעדען פֿערטריבען! קיינער קומט ניט צו מיין טהיר
פֿערכשופט האב איך דאס ארט, מיט מיין הייליגע שבועה...
אין מיין טאטע גיט מיר א רפֿואה נאך א רפואה!
וואס קען העלפֿען זיינע מיטלען אז ער קען ניט טרעפֿען מיין קרייִנק?...
און וואס קען ער מיר העלפֿען, ווען ער זאל שוין וויסען אַז איך ביינק?...
אויך מיין טשערעדע, מיינע שעפֿעלעך, וואס איך פֿלעג נחת אין זייא קלייבען
קעננען מיך יעצט ניט צערשטרייען! מיין מרה־שחורה צו פֿערטרייבען...
אַז אין יעדען אונשולדיגען שאף וואס לעקט דעם פֿרישען טוי;
זעה איך א ווילדע קאטץ מיט איהר גרילצענדיגען „מיוא"
איך שעהם זיך פשוט יעצט אויף דיא בערג ארויפֿצוגעהן;
אַז דיא פֿריהמארגען זון, וואס איז געוואהנט מיך מונטער צו זעהן,
זאל מיך ניט באגעגענען מיט פֿערוויינטע אויגען...
זיא וועט אַ לאַך טהון—און זיך וויטער אַוועק טאנצען אויף איהר בלויען בויגען
דאס שטילע וועלדעלע, וואס פֿלעגט אנהאלטען דעם אָטהעם פֿריהער,
צו צוהערען זיך אויפֿמערקזאם צו דעם נגון פֿון מיין שיר
וועט פֿאַרדרעהן דעם קאפּ, און טרעסלען מיט דיא גרינע אויערען;
אַז מיין קרעכצען און זיפֿצען זאל זייא ניט דורכבויערן!
וואס זאלל איך טהון? איך קען פֿרייליכעס היינט ניט זינגען;
נאר צום טרויעריגען, האט מיך דאס שיקזאל היינט בעדינגען

דאס איז מיין נגון! איהר מענט הערען אדער ניט;
מיר געפעלט ער שטארק—מיר געפעלט ער גוט;
(זינגט) „אָה דער ברונען! אָה דער,
און דיא קאטצע, אה, דיא אָה"!

אבשלום (פון דרויסען ווידערהאלט זינגענד) אָה, דיא אָה!

שולמית (הערט זיך רוהיג צו צום ווידערקול און רעדט צופרידען)

דאס ווידערקול! יאָ, דאס איז מיין איינציגער גוטער פריינד
וואס איז מיר נאך געבליבען מיך צו טרייסטען היינט
(זיא זינגט ווייטער)

„זאללען זיין וויא איך שווער,
עדות צו אונזער שבועה"!

אבשלום (זינגט פון דרויסען) שבועה!

שולמית (הערט זיך צו צו דער שטיממע)

זינג מיר נאך, ווידערקול!
העלף מיר מיט, העלף מיר מיט!
דוא מאכסט מיר נאך אפילו זיין שטיממע אין דער מינוט (זיא זינגט)
„אַז ווער נאר פון אונז וועט ברעכען דאס ווארט"

אבשלום (אין דרויסען זינגט) וועט ברעכען דאס ווארט!

שולמית (צופרידען) נאטירליך—אבער נאטירליך וויא זיין שטיממע אליין!
זינג מיר נאך! ליעבער פריינד, זינג נאך, בלייב ניט שטעהן (זיא זינגט)

„זייא אליין זאללע דארט (דארט)
פערלאנגען אויפ'ן ארט (אויפ'ן ארט)
ראכע! ראכע!!"

אבשלום (פון דרויסען מיט א געוויין) יאָ, ראכע! ראכע!

דיא ביטערע ראכע, זיא איז שוין געוועזן! ער פאלט

שולמית (איבעראשט האפט זיך אויף) האַ? וואס הער איך?
צו דאכט זיך מיר? דאס איז וויא זיין שטימע אליין?
ניין! דאס איז נאר דיא איינבילדונג, פון מיינע נערוועז דיא שוואכע! (נאכדענקענד

דאכט מיר?—איך האב דאך געהערט פֿון זיין אייגען מויל „ראבע"

ניין, מיין ליעבער! איך פֿאדער שוין קיין נקמה, ניין!
אַבי קום נאָר צו מיר—לאָמיך דיך נאָר זעהן!—

דריטע סצענע.

(און וועהרענד זיא הייבט זיך אויף צוגעהן צו דער טהיר, פֿאלט איהר ציגניטאנג אריין אין דיא הענד)

ציגניטאנג אָה, אָה, מיידעל, אַזעלכעס, אַזוינס,—נע אוועק!—

שולמית (שטוינענד) האַ? דאכט מיר זיין בעדינטער?
וואס געהט דא פֿאר מיט מיר אַ שרעק! (שטאממלענד)
ווי—ווי—ווי—וויא—קומסט דא אַ—אַהער?
ווי—ווי—ווי—וויא איז ד—ריי—דיין הערר?

ציגניטאנג (קרימט זיך נאָך) וואָ וואָ וואָ—חע חע—זיא קען ניט ריידען—אָה אָה! (לאכט)

שולמית וואו איז דיין הערר?—טויט?—לעבט—יאָ?

ציגניטאנג ניין פיצעלע—האם—באם—טויט—וויין!

שולמית (ערשראקען) וואָס?——טויט?——

פירטע סצענע.

אבשלום (פֿון דרויסען) ניין, ער איז ניט טויט! ער לעבט! ער איז בייא דיר!

(שולמית טהוט אַ גישרייא אוי)

אבשלום (ארייגעהענדיג) נעהם צו דעם בעל תשובה! איך בעט, מוחל זיין מיר!

(ער פאלט איהר אויפֿ'ן האלז וויינענד) (פויזע)

ציגניטאנג (וויינט אויך) מיר אויך, אַזעלכעס, אַזוינס, נאָך מיידעל, נאָך מיידעל!

אבשלום ביסט שוואך? ביסט צומישט? ניין ביסט נישט משוגע?
איך האב אללעס געהערט! דאס איז קלארע ווערטער, קלוגע!
נאָ, גענוג געוויינט! אַבי מיר זעהן זיך אין אַ גוטע שעה,
ביסט נישט בייז? זאָג! ביסט קראנק?—נאָ, גענוג געוויינט, נאָ!

שולמית (וויינענד) ניין, איך בין ניט קראנק—איך בין
ניט בייז אויף דיר! (פויזע)
וועסט שוין ניט אוועק? בלייבסט שטענדיג בייא מיר?
אבשלום קיין צווייפעל, שולמית! פארגעס אין דעם חלום!
עביג בלייב איך דיינער, עביג איז דיינער אבשלום!
(זייא אומארמען זיך—אינדעם קומט אריין מנוח לינקס מיט א
קריגעל וואסער אין דער האנד פערטראכט)

דרייצעהנטע בילד. דריטע סצענע.

מנוח נא דיר וואסער, מיין קינד!
צינגיטאנג (שפרינגט צו חאפט דאס קריגעל) וואסער,וואסער!
מנוח (הייבט אויף דיא אויגען ערשראקען, און פרעגט שטוינענד)
וואס איז דא, וואס איז?
אבשלום (געהט צו געלאססען) איהר זענט דער
אלטער רבי מנוח געוויס!
ארופא מומחה בין איך, איך האב געהערט אייער
אומגליק דערציילען
בין איך געקומען אהער אייער טאכטער אויסצוהיילען
מנוח דער גרויסער גאט זאל אייך שיקען דערפאר
לאנג לעבען;
אומזיסט אבער גוטער מענש, האט איר זיך מיה גיגעבן!
דען וואו ס'איז נאר דא א מיטעל אין דער וועלט
האב איך פראבירט;
וואו ס'איז דא ארופא אין דער וועלט האט זיא קורירט!
אומזיסט! נאר טא, פרובט! פרובט נאך אייער רפואה
אפשר וועט גאט דורך אייך איהר שיקען דיא ישועה!
אבשלום מיין מיטעל איז נייו, איך הייל נאר מיט מיין שפרוך
דעם שכר פאר דער מלאכה וועל איך פאדערען
בייא אייך דערנאך;
איך ווייס אז פאר אייער קינד'ס געזונד וועט איהר
אין קיין זאך ניט שטעהן;
אז איך וועל זיא געזונד מאכען פאר אייערע אויגען אליין
איהר שווייגט נאר, שטעהט דא אויפ'ן ארט.
און הערט וויא זיא זאגט מיר נאך יעדעם ווארט!—
אבשלום (פאנגט אן צו זינגען ד י א ש ב ו ע ה—שולמית זינגט
איהם נאך צום שלוסס יעדעס ווארט ביז ביים דועט בייא דיא ווערטער
„דאס וועט אבער קיינמאהל ניט געשעהן" געהמען זייא זיך ארום,
און ביז אין שלוסס אומארמען זיך בידע)
צינגיטאנג (צו מנוח'ן) מיר אויך אזוינס, אזעלכעס!

מנוח וואס? איך זעה מיין קינד געזונד, וויעדער
אויפלעבען! (מונטער)
זאג, ווער איז דער מלאך? און וואָס פֿאר אַ שכר
קומט איהם? יאָ, וואס וואונשטו דערפאר?!,
שולמית אַדאָס איז טאטע דער דורך וועמען איך בין
אַראָפּ פון זיננען!...
אַדאָס פֿלעג איך אלץ שרייען „קאטצע און ברונגען"
איך האב׳ס אומיסטען געטהון קעגען די חתנים מיינע;
ווייל א י ה ם האב איך געשווארען טרייע—שוין
לאנג בין איך זיינע;
דאס איבריגע וועל איך דיר שפעטער דערציילען!
פֿאר וואָס נאר ע ר האט מיך געקענט אויסהיילען,
אבשלום און א י ך וואָס פֿאר אַ שכר קען איך
פֿאדערען בייא אייך?
איהר זענט גאר ניט אימשטאנדע מיר צו געבען
אזאַ סך,
וויפֿיל איך וואָלט באדארפֿט פֿאדערן פֿאר אַזאַ מלאכה
איך שענק אייך אלסדינג, נאר גיט אונז אייער ברכה!
מנוח מיין ברכה איז וועניג, דען וויא איהר זאָגט,
איהר געדענקט
האט אייך גאטט זיין ברכה לאנג שוין געשענקט!
יעצט דארפֿען מיר קיין אוינענבליק ניט פערזאמען
קיין ירושלים געהן מיר שנעלל אללע צוזאַממען;
קרבנות מקריב זיין מוזען מיר יעדער באזונדער;
איך פֿאר מיין נדר, און איהר פֿאר אייך קינדער!
און ווייל עס איז גראד יום טוב, וועל איך מאקע דארט
אייער חופה מיט א שמחה מאכען אויפֿ׳ן ארט!
(ער קושט וויאביידע—צינגיטאנג טהוט איהם נאך)
צינגיטאנג מיר אויך מיידעל, מיך אויך קוש, אָה!
אבשלום גיבען, גיבען! טאנץ דערווייל, יאָ, יאָ!—
(אללע זינגען א קווארטעט)
אַך, וויא בין איך פֿרייליך און ענטציקט;
אז גאטט האָט מיך אַזוי באגליקט!
איך האב גאר ניט מעהר געדאכט,
האט מיר גאטט דיא הילף געבראכט—
צו לעבען איז שוין יעצט כדאי,
ווייל מיר לעבען ווידער אויפֿ׳ס נייא;

אונזער שמחה האבען מיר שוין צוריק,
לאז גאטט געבען, אז ס'זאל זיין מיט גליק!

(אין דיא מאמענטען פונ'ם זינגען פאלט צו ציגגיטאנג מיט'ן פייקיל און טאנצט—אללע געהן ארויס)

(צווייטער פארהאנג לאזט זיך אראפ)

פירצעהנטע בילד. זעקסטע סצענע.

דיא מוזיק שפיעלט א מארש—אין דער מיט בלייבט זיא שטעהן—מען הערט פון אונטער דער פארהאנג דאס קאהר זינגען:

פאר גיעב דיין פאלק ישראל זיינע זינד,
דיך איבערבעטען קומט ער אצינד,
מיט טרעהרען וויער פיעל
זיך בוקען פאר דיין שטול!
כהן אז איך דערמאן דעם נאמען אלהים,
גיט ושע אללע מיט מיר א שבח צו איהם
זינגט אללע אזוי: ברוך הוא וברוך שמו—

(קאהר ווידערהאלט דיא סאלא—מוזיק שפיעלט ווייטער מארש)

פינפצעהנטע בילד. זיבענטע סצענע.

(דער צווייטער פארהאנג הייבט זיך אויף—עס שטעלט פאר דרייא אבטהיילונגען פון טעמפעל—אין דער ווייטער טיעפע זעהט מען ברענען דיא מנורה, דעם טיש פערגאלדעט מיט'ן לחם הפנים—פאר דעם פארהאנג פון קדשי קדשים, הענגט א נר תמיד פון אויבען—בייא דעם מזבח וואס אין דער מיט ברענט א פייער, שטעהט דער כהן גדול מיט דעם אזוב אין דער האנד—ארום איהם שטעהן כהנים, לוים, מיט כלי זמר, און קליינע כהנים'לעך מיט גאלדענע קריגלעך אין דיא הענד—הינטען אין דער עזרה פאר דיא ביהנע שטעהט דער עולם מיט פאהנען און פאקעלען, מיט אתרוגים און לולבים אין דיא הענד—אין דער מיט דער כיור, שפריצט וואססער וויא א פאנטאן—דיא קאלאנען זענען מארמאר פערגאלדעט מיט פערשיעדענע קאלירטע פארהאנגען, אז דער פארהאנג געהט ארויף זינגט דאס קאהר ווייטער)

קרבנות איז מען מקריב גאטט פאר דיר
חרטה האט מען אויף דיא זינד פון פריהר;
אונזער געבעט דערהער,
גאטט אונזער הערר!
אז איך דערמאן דעם נאמען אלהים
גיט ושע אללע א שבח צו איהם
זינגט אללע אזוי
ברוך הוא וברוך שמו!

אכטע סצענע.

(קאהר ווידערהאלט דיא סאלא—דיא לוים טאנצען אפ זייער טאנץ—קומט אן מנוח מיט אבשלום'ן, און שולמית פייערליך געקליידעט—אבשלום שטעלט זיך רעכטס צום מזבח אויף דיא קניע און שולמית לינקס אויף דיא קניע—דער כהן לייגט אַרויף אויף זייא דיא הענד און בענשט זייא)

דער גאטט וואס האט געבענשט אונזער אבות אללע
דער זאל בענשען, דער זאל בענשען חתן כלה,
ער זאל שיקען ער זאל שיקען פון דעם הימעל הויך,
פיל ברכה און הרוחה און הצלחה אויך (קאהר ווידערהאלט)

קינדער קאהר מזל טוב, מזל מזל טוב!
פיעל ברכה, און הרוחה און הצלחה אויך

(דאס קאהר זינגט אפ—אבשלום מיט שולמית'ן שטעהן אויף, דער פאטער מנוח פיהרט זייא ארום דעם מזבח—דער גאנצער צוג מיט דיא פאהנען, מיט דיא כהנים, אללע אין איינעם מאכען איין הקפה ארום דעם מזבח דורך דיא קאלאנען, וועהרענד אללע זינגען הויך מונטער:)

גיט אַ שבח!
זינגט אללע גלייך!
זינגט גאר אללע ווער נאר כח האט!
גיט א שבח
זינגט אללע גלייך;
מיר האבען א גרויסען גאטט!
פרייליך, אללע יודעלעך אין איינעם,
גאטט האט אונז מוחל געווען אונזערע זינד
עמפפאנגען וועלן מיר דעם יום טוב דעם שיינעם
זינגט, טאנצט, שפיעלט, פרייט אייך אצינד
אויסגעוויינט האט יעדער זיינע שמערצען
גוט, גוט, גוט, פון דעם גאנצען הערצען,
אונזער בקשה האט גאטט געהערט שוין לאנג
לאמיר איהם אללע דאנקען מיט געזאנג
אללע דאַנקען
מיט ריינע געדאנקען
געבענשט זאלל זיין זיין נאמען, יאָ, יאָ
כל הנשמה תהלל יה, הללויה!—

(פארהאנג פאלט לאנגזאם)

ענדע.

א קורצער פרייז ליסט פון זשארגאנישע ביכער

וועלכע זיינען ערשיענען אין פערלאג פון

ר. מאזין עט קא., 59 אלד מאנטאגיו סט.

וואונדערבארע רייזע ארום די וועלט אדער „אמאר און וועכטא"
דער לעזער וועט אין דיעזען וויססענשאפטליכען בוך געפינען פערשיע-
דענע נאטור-וואונדער, שפאציר-גענגע אונטערין מעער און פערשיעדענע
לענדער. בעארבייט פון ע. ד. בערנשטיין. אין 18 העפטען. פרייז 2 שילינג

געהיימניסע פון ים הגדול. א בעלעהרענדער ראמאן פון ע. ד. בערנשטיין
פארטזעצונג פון „אמאר און וועכטא". פרייז 10 פענס

ליעבע און פאנאטיזמוס אדער „א קאמפף געגען עלטערן," א
ראמאן פון יודישען לעבען פון ע. זבראווסקי פרייז 6 פענס

הויז דאקטאר, דאס בוך בעשרייבט אללע קראנקהייטען וואס פאסירען
אין לעבען פון מענשען, לערנט וויא זיך אפצוהיטען פון קראנקהייטען
און וויא זיך אם בעסטען און זיכערסטען אויסקורירען פרייז 2 פענס

די מאפיר שפראכע, איז זעהער נעטהיג פיר די וואס פאהרען
נאך אפריקע. דער ביכעל מאכט זיי מעגליך צו ריידען מיט די
שווארצע קאפירען און זיי צוא פערשטעהן. פרייז 6 פענס

דער לעזער, פון מאקסים גארקי איבערזעצט אויס דעם רוסישען. פרייז 1 פ.

נייעסטער וויטצען אלבום, 2 מהייל, זאמלונגען פון וויטצען, הומאר,
און סאטיריק. פראכטפאהל און אמוזיראנט פרייז 2 פענס

געדאנקען איבער ציוניזמוס, פון ר. מאזין פרייז 1 פעני

פינף נייע, פיינע ליעדער פון גרויס בעריהמטע דיכטער „ 1 „

בארון הירש'ס מיליאנען. פון מר' ישראל זאנגוויל „ 2 פענס

ביטער און פיסטער. פון אליעזר הכהן צוויפעל „ 4 „

פריילעכע שטונדען הומאריסטישע ערצעהלונגען פון פוילישען ליטוואק
2 בענדער 1 שילינג 6 פענס. 2-טער באנד בעזונדער קאסט נור 9 פ.

פיפיפאקס איללוסטרירטער זשורנאל פיר וויטץ הומאר און סאטיריק.
2 יאהרגאנגע קאמפליט, 680 בלעטער גרויסער פארמאט. פרייז 7 שילינג

מאזינ'ס פריילעכעס טאשענבוך, ענטהאלט וויטצען, אנעקדאטען,
הומאריסטישע און וויסענשאפטליכע ארטיקלען, 48 זייטען. פרייז 1½ פ.

הימעל, ערד און וואסער. 3 ערצעהלונגען פרייז 2 פענס

די אידישע אויסשטעלונג אין פאריז „ 2 „

אין וואס ליגט אונזער הילף. „ 2 „

וואס ווילען ציוניסטען? פון דר. ווארטסמאן. „ 1 שיל.

פראגראם פון ציוניזמוס. פון העגרי ראזענבלום „ 1 פ.

ליזע גרייס. איינע שעהנע אינטערעסאנטע ערצעהלונג „ 1 פ.

קעניג הורדוס. א היסטארישע דראממא, אין 5 אקטען. פון ראבינער
דר. י. ל. לאנדוי. פרייז 9 פענס

א קורצער פרייז־ליסט

פון מוזיק נאָטען, אונזער אייגענעם פערלאג.

שולמית—דיא בעוואוסטע אָפּערא פון א. גאָלדפאַדען, מוזיק אררענזשירט פיר פיאַנאָ און שטיממע פון רעוו. א. פערעלצוויג. דער טעקסט איז געדרוקט אונטער דיא נאָטען. פיל פערבעסערטע אויסגאבע. פרייז **4** שילינג.

דער וואָס קויפט דיא נאָטען בעקומט פריי צוגעגעבען דעם טעקסט פון דיא אפערא **שולמית** וועלכע איז ערשיענען אין א בעזונדערע אויסגאבע און קאָסט בעזונדער 5 פענס.

דער קישענעווער פאגראם („שטראָמען בלוט און טייכען טרעהרען")
פון ש. פרוג. מוזיק קאָמפאָנירט פיר פיאַנא און שטיממע פון פראָפ. א. גארפינקעל, אונטער דיא נאָטען איז געדרוקט דער טעקסט אין יודיש, דייטש און ענגליש. פרייז **1** שילינג
דאָס ליעד באזונדער אין אידיש מיט א איבערזעטצונג אין דייטש און ענגליש קאָסט 1פ.

כל נדרי—דיא ריכטיגע אָרטהאָדאָקסישע מעלאָדיע, אַרראַנזשירט פיר פיאנא און שטיממע פון פראפעסאר א. גארפינקעל. טעקסט אונטער דיא נאָטען. פרייז **10** פענס

עוויגער יוד—„פעריאָמערט פערקלאָגט" "The Wandering Jew"
פאלקסליעד פון א. גאָלדפאדען. מוזיק אררענזשירט פיר פיאנא און שטיממע פון פראָפ. א. גארפינקעל, אונטער דיא נאטען איז געדרוקט דער טעקסט אין יודיש און אין ענגליש. פרייז **8** פענס
דאס ליעד בעזונדער אין אידיש מיט א ענגלישע איבערזעטצונג קאסט 1 פעני

מיין הייליג לאנד—פון א. גאלדפאדען. קאמפאנירט פון רעוו. פערלצוויג פרייז פיר פיאנא **1** שילינג. פיר וויאָלין **6** פענס.
דאס ליעד אהן דיא נאטען מיט דעם בילד פון פערפאססער קאסט 1 פעני.

ציוניסטישע ליעדער: א) עוד לא אבדה תקותנו. ב) עס לעבט נאָך אונזער האפנונג, ג) דיא מוטער פאלעסטינא, ד) צוריק נאך ציון, ה) שם במקום ארזים, ו) דארט וואו דיא צעדער, ז) ארץ אבותי, ח) מיין פאטערלאנד, ט) על נהרות בבל, י) צוריק אהיים.
פרייז פיר פיאנא **1** שילינג פיר וויאלין און שטיממע **6** פענס.
דיא אללע צעהן ליעדער אהן דיא נאטען קאסט $3\frac{1}{2}$ פעני

התקוה — מוזיק אררענזשירט פיר פיאנא און שטיממע פון פראָפ. א. גארפינקעל. אונטער דיא נאטען איז געדרוקט דער טעקסט אין העברעאיש און אין ענגליש. פרייז **1** שילינג.
דאס ליעד באזונדער אין העברעאיש און ענגליש מיט דר. הערצל'ס בילד קאסט 1 פעני

דר. הערצל מארש אררענזשירט פיר פיאנא פון רעוו. א. פערלצוויג. פרייז **1** שילינג.

נאך פיעל אנדערע מוזיק נאטען זיינען אונטער דרוק און וועלען קירצליך ערשיינען.

פערלאנגט אונזער מוזיק קאטאלאג No. 9.

R. MAZIN & Co., 59, Old Montague St., London, N.E